צוּקֶערְמַאנְ'ס פָאלְקְסְבִּיבְּלִיאָטְהֶעק .

דאקטאר מ. גאטטליעב .

זייט געזונד

VI.

מאֶננער קראַנקהייטען

(סעקרעטנע)

נייסער'ס גאָנאָקאָקקען (גרזיבקעס פֿון טריפפער) .

ווארשא

דרוק פֿאן אלעקסאנדער גינז , נאייע זיעלנא שטראססע №. 47.

ЗАЙДЪ ГЕЗУНДЪ т. е. БУДЬТЕ ЗДОРОВЫ!

IV. Венерическія болѣзни. Трипперъ.

Составилъ врачъ **М. ГОТЛИБЪ**

Изданіе книжнаго магазина **А. ЦУКЕРМАНА**, Варшава, Налевки № 7.

ВАРШАВА 1900.

Тип. А. Гинса. Новозельная № 47.

HARVARD UNIVERSITY LIBRARY

209

Дозволено Цензурою.
Варшава, 11 Января 1900 г.

פָּארוָוארט

איך פינדע פיר געטהיג, בעפאר איך ווערדע רעדען איבער סעקרעטנע קראנקהייטען, ערצעהלען דעם לעזער, ווי קום איך דאצו צו שרייבען איבער אזא געגענשטאנד. איך פינדע עס נאך פיר נעטהיגער להסיר ממני לזות שפתים; דער עולם קען דאך גאר א גרויסען טעות האבען אונ מיינען, דאס איך בין א מסייע לעוברי עבירה דאס איך לערען זיי, זיי זאלען ניט נכשל ווערען דאס איך שרייב פיר אונגערפאהרענע חוטאים, דער עולם איז מיך חושד במה שאין בי.

דער לעטצטע יאהרהונדערט מיט אללע זיינע גרויסע ערפינדונגען (אייזענבאהן, פאראחאדען, טעלעגראף א. ד. ג.), אויך די „השכלה" (פאלקסבילדונג) האבען משנה געווען בתכלית השינוי דאס איננערליכע לעבען פון אונזער פאלק. 30—40 יאהר צוריק איז א מיידעל פון 16 יאהר שוין געווען א בוגרת אונ אז זיא איז געבליבען זיטצען ביז 20 יאהר אונפערהייראטעט האבען די עלטערן עס געהאלטען פיר דאס גראסטע אונגליק. מען האט שוין זיך געזאגט „בתך בגרה שחרר עבדך ותן לה" ד. ה. דאס מען מוז א שידוך טהון זאגאר לא לפי הכבוד אונ דאנן האט מען גענומען א איידים אבי א בשר ודם אבי א מאנזביל א מאל מיט א קליינעם אדער מיט א גרויסען מום.

וָואס אִיז גֶעוֶוען וַייטֶער? דִי מְחוּתָּנִים הָאבֶּען גֶעגֶעבֶּען קֶעסְט, דִי פָאר פָאלְק הָאט גֶעלֶעבְּט אויבּ נִיט אִימֶער אִין גְרוֹיס נַחַת דָאךְ אָהן גְרוֹיסֶע דַאְגוֹת, „בְּסַפֵּנוּ וְזַרְעֵנוּ יִרְבֶּה כַּחוֹל" הָאט מֶען גֶעזוּנְגֶען מִיט גְרוֹיס כַּוָנָה, „ווִי וֶועל אִיךְ מְפַרְנֵס זַיין דִי קִינְדֶערְלֶעךְ"? „מַאן דְיָהִיב חַיֵי יָהִיב מְזוֹנֵי" (ווֶער עֶס גִיבְּט לֶעבֶּען, דֶער וֶועט גֶעבֶּען צוּם לֶעבֶּען) אִיז גֶעוֶועזֶען דִי אַנְטְוָוארְט. „בֶּן שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה לַחוּפָּה" זָאגֶען אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים, אָבֶּער אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס הָאבֶּען גֶעפוּנֶען דָאס אַ מַאנספֶּערְזָאן קֶען שׁוֹין צוּ 16 יָאהר חֲתוּנָה הָאבֶּען, בְּ"ה דֶער עוֹלָם הָאט נִיט פִילָאזָאפִירְט, הָאט זִיךְ נִיט גֶעמוּטְשֶׁעט מִיט שַׁאֲלוֹת הַחַיִים (לֶעבֶּענְס-פְרַאגֶען) הָאט זִיךְ נִיט גֶעקִימֶערְט פַאר דֶער צַייט וֶוענֶען חֲיוּנָה. דֶער בִּטָחוֹן אִיז גֶעוֶוען גְרוֹיס אוּנ נָאךְ גְרֶעסֶער דִי הָאפְפְנוּנְג, וֶועלְכֶע דֶער פָאעֶט רוּפְט „דִי מוּטֶער אַללֶער לֶעבֶּענְדֶען".

מִיר הָאבֶּען אָבֶּער אויךְ נִיט גֶעהַאט גְרוֹיסֶע פְּרֶעטֶענְזִיֶעס צוּם לֶעבֶּען, בְּרוֹיד מִיט זַאלְץ מִיט צִיבֶּעלֶע אִיז שׁוֹין גוּט, מִיט פּוּטֶער מַה טוֹב; פָארְטֶער אוּנ לָאזְשֶׁעס אִין טְהֶעאַטֶער הָאט זִיךְ אוּנְז נִיט גֶעחָלוֹמְט. אוּנ דִי קִינְדֶער אִין גִימְנַאזְיוֹת אָדֶער אִין רֶעאַל-שׁוּלֶען אָבְּגֶעגֶעבֶּען הָאבֶּען מִיר אויךְ נִיט גֶעהַאט קֵיין גְרוֹיס חֵשֶׁק, אָבְּוָואהְל מֶען הָאט דַאנְן אוּנְזֶערֶע קִינְדֶערְלֶעךְ דָארְט אַנְגֶענוּמֶען מִיט'ן גְרֶעסְטֶען כָּבוֹד. פוּן פֶערשִׁידֶענֶע בַּאדֶען אִין אוֹיסְלַאנְד הָאבֶּען אוּנְזֶערֶע פְרוֹיֶען נִיט גֶעווּאוּסְט. בַּאדֶען הָאבֶּען עֶקְזִיסְטִירְט פַאר פְּרִיצִים אוּנ פְּרִיצְטֶעס מִיט גְרוֹיסֶע מַאיָאנְטֶקֶעס (גִיטֶער). דִי מָאדֶע הָאט נָאךְ נִיט גֶעגֶעסֶען אוּנְזֶער בְּלוּט אוּנ שְׁווֵייס, אַ יוּדִישֶׁע פְּרוֹי הָאט נוּר גֶעזוּכְט דֶעם מַאנְן צוּ גֶעפֶעלְלֶען; זִי הָאט גָאר נִיט גֶעדַאְגֶעט, דָאס מֶען זָאלל זִיא, אִיהר הוּט אוּנ אִיהר קְלֵייד בֶּעמֶערְקֶען אוֹיף דֶער שְׁטְרַאססֶע, דָאס אַללֶע פְרֵיינְדִינֶען אוּנ בֶּעקַאנְטֶע זָאלֶען פְּלַאטְצֶען פוּן קִנְאָה פוּן אִיהר נַייֶע בַּאל-קְלֵייד.

גֶעווֵיינְט האָט מֶען אָהן סאלָאנְגען אָהן יַאגְ׳אַער שְׁטוּלֶען, אָהן פִּיאַנָא.

זָא הָאבֶּען גֶעלֶעבְּט אוּנְזֶערֶע בְּרִידֶער אִין פָּארִיגֶען יַאהר־הוּנְדֶערְט אוּנ אִין אָנפַאנְג פוּן 19 יַאהרהוּנְדֶערְט.

וָואס זֶעהֶען מִיר יָעטְצְט? וֶוען אַ יוּנְגֶער מֶענְשׁ דַארְף חֲתוּנָה הָאבֶּען אִיז עֶר אִין גְרויס פֶּערלֶעגֶענְהַייט. מַה נאַבל („וָואס וָועלֶען מִיר עֶסֶען״)? דָאס שְׁרֶעקְט אִיהן נִיט זָא שְׁטַארְק אָבֶּער אִיהם שְׁטֶעלְט זִיךְ דִי הָאר קַאפּויֶער, אַז עֶר דֶענְקְט פוּן דִי צְוֵויי שַׁאפֶּען, וֶועלְכֶע זַיינֶען גְרויס ווִי דֶער יוּדִישֶׁער גָלוּת, פוּן דֶעם בּוּפֶעט מִיט אַלֶע מִינֵי צַאצְקֶעס, פוּן אַ גַארְנִיטוּר מֶעבֶּעל, פוּן דִי אַמֶען, קוּבַארֶקֶעס, פָּאקָאיוּוְקֶעס, פוּן קְרִינִיצֶע, שְׁצַאוְונִיצֶע אוּנ פְּרַאנְצֶענְסְבַּאד, פוּן מוּזִיק אוּנ בֶּאלֶער... דֶער יוּנְגֶער מַאנְן צִיטֶערְט אוּנ בְּלַייבְּט יָאהְרֶען לַאנְג זִיטְצֶען אַ בָּחוּר. וָואס מְהוּם דָאס מֶאדְכֶען? זִי מוּז מִיט כָּל אַמְצֵי כחות גֶעפִינֶען אַ חָתָן, אוּנ מִיטֶעל דַאצוּ: אַ שֵׁיינֶע קְלֵייד, אַ הוּט מִיט אַ גַאנְצֶען וַואלְד פֶּעדֶערְן, פַיינֶע בָּאטִינְקֶעס, שְׁפַּאצִירֶען אִין פֶערשִׁידֶענֶע גָארְטֶנֶער, זִיךְ צַיינֶען פוּן צַייט צוּ צַייט אִין טֶעאַטֶער, מוּזִיצִירְן אָהנֶע פֶּאהִיגְקַייט דַאצוּ. אַ תְּרוּפָה דַאצוּ אִיז אוֹיךְ אִין אַ בַּאד אַרוּם צוּ פָּאהְרֶען, אָדֶער אִין אַ מָאדֶערנֶען זָאמֶער וָואהנוּנְג.

דָאס קֶענֶען זִיךְ עֶרלויבֶּען מֶאדְכֶען אִין מִיטֶעלֶע אוּנ הֶעכֶערֶע קְלַאסֶען, אָרֶעמֶע מֵיידְלִיךְ גֵייעֶן אִין פַאבְּרִיק, גֵייעֶן דִיעֶנֶען, אוּם צוּ זַאמְלֶען גֶעלְט אוֹיף נַדְן.

צוּם גְרֶעסְטֶען אוּנְגְלִיק פוּן אוּנְזֶער פָאלְק, צוּ אוּנְזֶער גְרוֹיסֶען בֶּעדוֹיעֶרֶען הָאבֶּען זִיךְ גֶעפוּנֶען נִידֶערִיגֶע פָּאדְלֶע פֶּערזָאנֶען וֶועלְכֶע נִיטְצֶען אוּם („עֶקְספְּלוּאַטִירֶען״) דִי שְׁלֶעכְטֶע לַאגֶע פוּן אוּנְזֶערֶע אָרֶעמֶע מֵיידְלֶעךְ (אָהן נַדְן אִיז זֵיי שְׁוֶוער חֲתוּנָה צוּ הָאבֶּען). —

איך פינדע ניט קיין ווערטער, אום גענוג שארף צו בעצייכנען די ניעדערטראכטיגקייט פון דיעיעניגע פערזאנען, וועלכע האנדלען מיט „לעבעדיגער סחורה“, וועלכע עקספעדירען עס ניט נור אין אללע גרויסע שטאדט אין אייראפא אבער אויך אין זיד-אמעריקא (בראזיליען און ארגענטינע) איז קאנסטאנטינאפאל און אלכסנדריא של מצרים.

דער בעריהמטע יודישע שרייבער אבראמאוויטש („מענדעלי מוכר ספרים“) אין זיינער פאטרעפליכער ערצאהלונג (דאס וואונש פינגערל) „בעמק הבכא“ מאכט אונז בעקאנט מיט פערשידענע טיפען פון דער יודישער גאס, וועלכע טרייבען דען שרעקליכען האנדעל.

וויר ערקענען שמעריל דען זיידענעם יונגערמאן וועלכער הייראטעט א שאנע יונגע מיידעל אבת טובים און פערקויפט זי אין א געוויסעם הויז... מיר ערקענען לייוי און זיין פלונית'טע שיינצע וועלכע זיינען זיך מפרנס בכבוד פון די „לעבענדיגע סחורה“. מיר ערקענען די שרעקליכע קרבנות, וועלכע זיינען אריין געפאללען אין שאול תחתיה וועלכע הייבען אן פון שאנע קליידער, שאנע טאנץ, פרייע ליעבע, און ענדיגען אין א שפיטאל, ענדיגען אלם הונגעריגע אבגעריסענע קראנקע בעטלערם אדער ענדיגען מיט א צער־פאללענעם נאז אדער פון א געהירן קראנקהייט אין א אנשטאלט.

שרעקליך און ביטטער, שאנדליך און אבשייליך איז דאס שיקזאל פון די פרויען, וועלבע האבען פערגעססען זייער עהרע. אבער אויך ניט גוט איז די יונגע לייט, וועלכע דיענען דער געטין פון פרייע ליעבע, די ווענערישע קראנקהייטען עססען אויף זייער פלייש און בלוט, זייער האב און גוט און דאביי בלייבען זיי נאך אפט מיט דער קראנקהייט אויף דאס גאנצע לעבען.

מִיר וֵוייסֶען, אַז סִיפִילִים (אֵיינֶע פוּן דִי דְרַייא וֶוענֶערִישֶׁע קְרַאנְקְהַייטֶען) אִיז שְׁוֶוער אוֹיסצוּקוּרִירֶען, דַאבַּיי יֶעדֶער קְרַאנְקֶע וֶועלְכֶער לַיידֶעט אוֹיף אַ גֶעוֶואהְנלִיכֶע קְרַאנְקְהַייט קֶען אִימְמֶער רֶעכֶענֶען דַארוֹיף, דָאס זַיינֶע בֶּעקַאנְטֶע פִיהְלֶען מִיט אִיהם מִיט; אִין אַ פִיעל עֶרגֶערֶער לַאגֶע אִיז דָער וֶוענֶערִישֶׁע קְרַאנְקֶע. דֶער הֶמוֹן עַם לַאכְט אוֹיס אַזאַ קְרַאנְקֶען. אָדֶער זָעהט אִיהן אָן פַיינְדְלִיךְ. „נִיט חוֹטֵא אוּנ נִיט קְרֵיינְק" זָאגְט עֶר אִין זַיינֶעם גְרָאבֶּען לָשׁוֹן. דַאצוּ הָאט מֶען מוֹרָא עֶר זָאלל נִיט זַארַאזְשֶׁען (אַנשְׁטֶעקֶען) מִיט זַיין קְרַאנְקְהַייט, קֵיינֶער וִויל מִיט אִיהם קֵיין מַגָע וּמַשָּׂא הָאבֶּען.

אִין אַזאַ לַאגֶע, וֶוען דִי קְרַאנְקְהַייט דְרִיקוּעֶט נָאךְ שְׁטַארְק: אֵיין מַכָּה פֶערהֵיילְט זִיךְ, דִי אַנְדֶערֶע אֶפְפֶענְט זִיךְ, פוּן צַייט צוּ צַייט וֶוערְד דֶער קְרַאנְקֶע הֵייזֶערִיג אוּנ אִיהם אִיז שְׁוֶוער צוּ אַטְהֶמֶען, דֶערבַּיי קוּמֶען נָאךְ שְׁרֶעקְלִיכֶע קָאפּ־שְׁמֶערְצֶען אוּנ שְׁמֶערְצֶען אִין דִי בֵּיינֶער בַּיי נַאכְט, פֶערשִׁידֶענֶע ווִיסִיפֶּקֶעס: פְּלַאמֶעס אוּנ פְּרִישְׁצֶעס, דִי הָאאר פַאלְט אוֹיס א. ד. גֶ. אִיז קֵיין וואוּנְדֶער נִיט אַז נִיט אֵיין קְרַאנְקֶע פֶערלִיערְט מוֹטְה.

אִיךְ הָאבּ פְרִיהֶער גֶעצַייגְט וֶועלְכֶע סִבּוֹת בְּרֵיינְגֶען דַאצוּ, דָאס אוּנזֶערֶע בָּחוּרִים אוּנ מֵיידְלִיךְ הָאבֶּען שְׁפֶּעט חֲתוּנָה; דַאצוּ דַארְף מֶען נָאךְ צוּגֶעבֶּען, דָאס אִיבֶּערהוֹיפְּט הָאט זִיךְ פֶער־עֶרגֶערְט אוּנזֶער עֶקָאנָאמִישֶׁער צוּשְׁטַאנְד אִין דֶער לֶעצְטֶער צַייט, פִיעל פַּרְנָסוֹת, וֶועלְכֶע הָאבֶּען גֶעגֶעבֶּען אוּנזֶער הֶמוֹן פַּרְנָסָה, זַיינֶען פֶערשְׁוואוּנדֶען גֶעוָוארֶען. „וְהַמִשְׁתַּכֵּר מִשְׁתַּכֵּר אֶל צְרוֹר נָקוּב" (דֶער וָואס פַארדִינְט פַארדִינְט אַ קְלַיינִיגְקֵייט) אוּנ דָאס הָאט שׁוֹין לַאנְג דִי סְטַאטִיסְטִיק גֶעצֵייגְט, דָאס אִין אַ גֶערָאטֶענֶעם יָאהר אִיז פִיעל מֶעהר חֲתוּנוֹת, וִוי אִין אַמִיטֶעלֶען יָאהר, אַם וֶוענִיגְסְטֶען הָאבֶּען מִיר

חֲתוּנוֹת אִין אַ הוּנְגֶער יָאהר ד. ה. דִי צָאהל פוּן חֲתוּנוֹת הֵיינְגט אָב פוּן דֶעם עֶקָאנִמִישֶׁען צוּשְׁטַאנְד פוּן פֶערמֶאגֶען דֶעם פָּאלְקס.

הַיוֹצֵא מִדְבָרֵינוּ: דִי מָארֶע, דֶער לוּקְסוּס, אוּנְזֶער שְׁרֶעקְלִיכֶער עֶקָאנָאמִישֶׁער צוּשְׁטַאנְד הָאט גֶעבְּרַאכְט דַאצוּ, דָאס אִימֶמֶער מֶעהר אוּנ מֶעהר מַאנְסְלַייט אוּנ מֶאדְכֶען הָאבֶּען חֲתוּנָה זֶעהר שְׁפֶּעט אוּנ דָאס אַ גֶעווִיסֶע צָאהל בְּלַייבְּט אוֹיךְ אוּנְפֶערהֵיירַאטֶעט. מִיר וֵוייסֶען אוֹיךְ, דָאס דִי נַאטוּר פָארְדֶערְט פוּן מֶענְשֶׁען דָאס אִיהְרִיגֶע. וֶוען מֶען יָאגְט אַרוֹיס דִי נַאטוּר דוּרְךְ אַ טְהִיר קוּמְט זִי דוּרְךְ דָאס פֶענְסְטֶער"; גְעוִויס עֶס גִיבְּט פִיעלֶע הֶערְרֶען וֶועלְכֶע בְּלַייבֶּען, זָא צוּ זָאגֶען, רֵיין בִּיז זֵייעֶר חֲתוּנָה, אָבֶער אִין דִי כְּרַבִּים אִיסְט עֶס שׁוֹין זֶעלְטֶען צוּ טְרֶעפֶען. זֶעהר אָפְט פְרֶעגֶען דִי יוּנְגֶע לַייט בַּיי דָאקְטוֹרִים אָב עֶס אִיז נִיט שֶׁעדְלִיךְ פִיר דִי גֶעזוּנְד־הַייט פָאלְקָאממֶענֶע אַבְּסְטִינֶענְץ ד. ה. דָאס זִיךְ צוּרִיק הַאלְטֶען (נְזִירוּת) פוּן פֶערְקֶעהר מִיט פְרוֹיעֶן. דַארוֹיף אַנְטְוָוארְטֶען מִיר, דָאס עֶס אִיז נִיט שֶׁעדְלִיךְ' הֶאכְסְט שֶׁעדְלִיךְ אִיז זִיךְ אָבְּגֶעבֶּען מִיט פֶער־דֶאכְטִיגֶע פְרוֹיעֶן, פוּן וֶועלְכֶע מֶען קֶען בֶּעקוּמֶען אַ וֶוענֶערִישֶׁע קְרַאנְק־הַייט אוּנ פוּן אַזֶעלְכֶע קְרַאנְקְהַייטֶען כְּיָדוּעַ אִיז נִיט אַזוֹי לַייכְט זִיךְ אוֹיסצוּקוּרִירֶען, עֶס טְרֶעפְט אוֹיךְ, אַז זֵיי בְּלַייבֶּען אַזוֹי אוֹיפ'ן גַאנְצֶען לֶעבֶּען.

מִיר קוּמֶען צוּרִיק דַאצוּ, דָאס צְווִישֶׁען יוּנְגֶע לַייט גִיבְּט עֶס פִיעל חוֹטְאִים דַאדוּרְךְ, דָאס זֵיי הָאבֶּען שְׁפֶּעט חֲתוּנָה, אוֹיךְ דַאדוּרְךְ „כִּי יֵצֶר לֵב הָאָדָם רַע מִנְעוּרָיו" ד. ה. דָאס דֶער מֶענְשׁ אִיז נִיט אַלֶע מָאל אַזַא גִבּוֹר, וֶועלְכֶער אִיז כּוֹבֵשׁ (בֶּעזִיגְט) זַיין יֵצֶר הָרָע.

פִיר אוּנְז דָאקְטוֹרִים גִיבְּט עֶס נִיט חוֹטְאִים, פִיר אוּנְז גִיבְּט עֶס נאר קְרַאנְקֶע, אַ גַנָב, אַ רוֹצֵחַ, וָואס אִיז פֶערוואוּנְדֶעט גֶעוָוארֶען

בְּשַׁעַת גַנְבֶנֶן, בְּשַׁעַת רַצְחֶנ׳ן איז פִּיר אוּנְז דערזֶעלְבֶּע קְרַאנְקֶע ווִי דֶערְיָענִיגֶע, ווֶעלְכֶער איז פוּן גַנָב רוֹצֵחַ גֶענִיזִיקְט גֶעוָוארֶען, דֶענְן מִיר זַיינֶען נִיט רִיכְטֶער, מִיר זַיינֶען נִיט מוּסָר׳נִיקֶעס, מִיר זַיינֶען גֶעשְׁטֶעלְט דַאצוּ, צוּ פֶערְגְרִינְגֶערֶען דִי לֵיידֶען פוּן מֶענְשֶׁען.

אָבֶער פַאר אַללֶעם זוּכֶען מִיר צוּפֶערמַיידֶען דִי לֵיידֶען ד. ה. פֶערהִיטֶען פוּן קְרַאנְקהַייטֶען.

יֶעצְט, דֶענְקֶע אִיךְ, פֶערשְׁטֶעהְט דֶער לֶעזֶער, וַואצוּ הָאבּ אִיךְ גֶעשְׁטְרָעבְּט מִיט דִיעזֶעם ווֶערְק. עֶס גֶעהְט נִיט אוּם דֶעם צוּ זַיין אַ „מְסַיֵיעַ לְעוֹבְרֵי עֲבֵירָה”, עֶס גֶעהט אויךְ נִיט אוּם דֶעם אוּנֶערפַאהֶרֶענֶען צֵיינֶען אַ שְׁלֶעכְטֶען ווֶעג.

לְהֵפֶךְ אִיךְ ווָאלְטֶע צֵיינֶען, ווִי גֶעפֶאהְרְלִיךְ אִיז דֶער ווֶעג, ווָאס פִיהְרְט צוּ ווֶענוּס („גָאטְטִין דֶער לִיעבֶּע”).

מִיר ווֶערְדֶען בֶּעשְׁפְּרֶעכֶען, 1) ווִי זִיךְ צוּ פֶערהִיטֶען פוּן ווֶענֶערִישֶׁע (סֶעקְרֶעטְנֶע) קְרַאנְקְהַייטֶען, 2) פִּיר דִי, ווֶעלְכֶע זַיינֶען נִכְשַׁל גֶעווָארֶען אוֹיף דִיעזֶעם גֶעפֶאהְרלִיכֶען ווֶעג, הָאבּ אִיךְ גֶעווָאלְט גֶעבֶּען אֵיינִיגֶע כְּלָלִים אוּנ פְּרָטִים, ווֶעלְכֶע דִיענֶען דַאצוּ, זֵיי זָאללֶען הָאבֶּען אַ בֶּעגְרִיף פוּן זֵייעֶר קְרַאנְקְהַייט, זֵיי זָאלֶען אַנְדֶערֶע מֶענְשֶׁען נִיט אַנשְׁטֶעקֶען (זַארַאזְשֶׁען), זֵיי זָאללֶען ווִיסֶען, ווִי ווִיכְטִיג אִיז אִין אַזֶעלְכֶע פַאללֶען זִיךְ קוּרִירֶען בַּיי אַ דָאקְטָאר אָבֶער נִיט בַּיי זְנַאכַארֶעס, שַׁארלַאטַאנֶעס, קָאווַאלֶעס א. ד. ג. „Feci quod potui, faciant alümeliora“ אִיךְ הָאבּ גֶעטְהַאן, ווָאס אִיךְ קַאן, זָאללֶען אַנְדֶערֶע בֶּעססֶערֶעס מְהוּן”.

ווארשא, מרחשון ה׳ תר״ס.

דברו אל בני ישראל ואמרתם אליהם
איש איש כי יהיה זב מבשרו זובו טמא הוא
(ויקרא טו : ב)

I. וֶוענֶערִישֶׁע קְרַאנְקְהַייטֶען

וֶוענֶערִישֶׁע קְרַאנְקְהַייטֶען, אָדֶער סֶעקְרֶעטְנֶע, רוּפְט מֶען דִיֶיעניִגֶע, וֶועלְכֶע זַיינֶען נוֹגֵעַ דִי גֶעשְׁלֶעכְטס־אָרְגַאנֶען, דִי גֶעשְׁלֶעכְטסאָרְגַאנֶען זִינְד דִיֶיעניִגֶע אֵבְרִים בַּיי אַ מַאנְספֶּערְזָאהן אוּנ אַ פְרוֹי, וֶועלְכֶע דִיעֶנֶען צוּ פֶּערגְרֶעסֶערֶען דִי מֶענְשְׁלִיכֶע פַאמִילְיֶע.

דִי סֶעקְרֶעטְנֶע קְרַאנְקְהַייטֶען רוּפְט דֶער עוֹלָם סֶעקְרֶעטְנֶע, וַוייל מֶען שֶׁעמְט זִיךְ מִיט זֵיי, מֶען קְרִיעֶט זִיךְ דַאמִיט.

דִיזֶע קְרַאנְקְהַייטֶען רוּפְט מֶען עֶם, וַוייל דִי גֶאטִין פוּן לִיעבֶּע בַּיי דִי רֶאמֶער וַואר „וֶוענוּס”, אַלְזָא זִינְד עֶם לִיעבֶּע קְרַאנְקְהַייטֶען, בַּיי אַלֶע פֶּאלֶקֶער גֶעהֶערֶען דִיזֶע קְרַאנְקְהַייטֶען צוּ דְבָרִים שֶׁבִּצְנְעָה (סֶעקְרֶעטְנֶע קְרַאנְקְהַייטֶען) אָבֶּער מִיר דָאקְטוֹרִים פִינֶדֶען, אַז אַזֶעלְכֶע סוֹדוֹת זַיינֶען אַ אוּנגְלִיק פִיר דִי מֶענְשְׁהַייט, נִיט נוּר פִיר דִי לַייֶדֶענְדֶע זֶעלְבְּסט אָבֶּער אוֹיךְ פִיר דִי קְרוֹבִים פוּן דִי קְרַאנְקֶע, פִיר דִי מֶענְשֶׁען, וֶועלְכֶע קוּמֶען מִיט דִי קְרַאנְקֶע אִין בֶּערִיהְרוּנְג צ"ב מַאנן, וַוייבּ, קִינְדֶער, בֶּעדִינֶער פוּן קְרַאנְקֶען.

בִּכְלַל זִינְד עֶם וֶוענֶערִישֶׁע קְרַאנְקְהַייטֶען („לִיעבֶּע קְרַאנְקְהַייטֶען”) ד. ה. אַם גְרֶעסְטֶען טְהֵייל קוּמֶען זֵיי דוּרְךְ דֶעם אַקְט מִיט אַ פְרוֹי,

אבער אין א געוויסען טהייל קומען דיזע קראנקהייטען דורך אנשטע-
קונג (זאראזע) אויף אנ׳אנדער אויפ׳ן.

שפעטער ווערדען מיר די זאך גענוי בעשפרעכען אבער שוין היער וועל איך איהנען געבען א ביישפיעל, ווי גרויס דער טעות איז, ווען דער עולם מיינט דאס יעדע סעקרעטנע קראנקהייט קומט דווקא דורך דען אקט מיט א פרוי. איין בעריהמטער זענגער, וועלכער וואר קראנק אויף סיפילים (איינע פון די דריי ווענערישע קראנקהייטען), ערצאהלטע מיר די געשיכטע פון זיינער קראנקהייט. פון איטאליען איז ער געפאהרען נאך רוססלאנד דורך וויען. דארט ביי א פריזיער (צירולניק) האט מען איהם דען בארד געגאלט אונ ביים ראזירען האט מען איהם א קליינע וואונד געמאכט, וועלכע האט זיך לאנג ניט געוואלט אויסהיילען. אין 2—3 וואכען שפעטער האט זיך געבילדעט א קליינע פערהארטונג אויף דער שטעלע פון וואונד, שפעטער האט זיך געמאכט א וויסיפקע פון רויטע פלאמעס אויפ׳ן גאנצען קערפער די גרוצאלעס (לימף-דריזען) אויפ׳ן האלדז, אין די פאכווינעס אונ אין אנדערע שטעלען זיינען געשוואלען געווארען, מיט איין ווארט, די דאקטורים האבען ערקענט, דאס ער ליידעט אויף סיפילים, (דאס ראזיר מעססער וואר פארהער בענוטצט ביי א סיפיליטישען קראנקען אונ וואר ניט גוט גערייניגט).

ברוסטקינדער בעקומען אפט סיפילים פון זייגען ביי א סיפיליטישער אם, וועלכע האט סיפיליטישע וואונדען אויף דער בראדאווקע אדער ארום די בראדאווקע פון ברוסט.

מיר אונטערשיידען 3 ערליי ווענערישע קראנקהייטען: טריפפער, א ווייכער שאנקער, אונד סיפילים.

„עס איז געוועזען א צייט, ווען מען האט גערעכענט, אז דיזע דריי קראנקהייטען זינד איינע אונ דיזעלבע, זא ווי די סבה, וועלכע בריינגט צו זיי איז דיזעלבע („ליבעס קראנקהייטען“), אבער יעטצט ווייסען מיר, דאס „עס זינד דריי פערשידענע קראנקהייטען.

I.

אין דער מאטעריע (איטער) פון טריפפער האט „דער ברעסלויער פראפעסאר נייססער אין 1879 יאהר געפונדען גרזיבקעס וועלכע שוין 500 מאל פערגרעסערט זעהן אוים ווי פינטעלעך. זיי ליעגען געוועהנליך צו 2 צוזאממען. מען רופט זיי נייססערס גאנאקאקקען אדער דיפלאקאקקען. זיי זעהן אוים ווי „קערנער פון „קאווע.

אין דער תורה (ויקרא ט״ו) לייענען מיר די היגיענישע בעשרייבונג פון טריפפער—קראנקהייט; אלזא די קראנקהייט וואר שוין בעוואוסט ביי די אלטעסטע פעלקער.

משה רבינו האט „ערקענט די קראנקהייט אלס א זאראזליווע (אנשטעקענדע), זא געפינען מיר פערשידענע היגיענישע *) פארשריפטען אין דעמזעלבען „קאפיטעל (ויקרא ט״ו), וועלכע האבען אלע איין ציעל: ניט פערשלעפען די „זאראזע.

ניט אומזאנסט פינדען די גרויסע געלעהרטע דאס משה רבינו וואר דער גראסטער היגיעניסט פון אלע צייטען.

*) היגיענע איז די וויססענשאפט, וועלכע זוכט צו פערהיטען פון קראנקהייטען אונד פערלענגערען דאס לעבען, היגיענע ווי עס פערשטעהט זיך איז א וויכטיגער צווייג פון מעדיצין.

יֶעצְט וֶוערְדֶען מִיר אַרוּמְרֶעדֶען בַּייטְלִיכֶער דִי סִבָּה פוּן דֶער קְרַאנְקהַייט אוּנ אִיהְרֶע סִימְפְּטָאמֶען (סִימָנִים).

דִי סִבָּה, וִוי גֶעזָאגְט, דִי אוּרְזַאךְ פוּן טְרִיפֶּפֶער זַיינֶען דִי קְלֵיינֶע פִּינְטֶעלֶעךְ אָדֶער וִוי דִי גֶעלֶעהְרְטֶע רוּפֶען זֵיי גָאנָאקָאקֶען.

וואו זִיצְט דִי קְרַאנְקהַייט? זִי זִיצְט גֶעוֶואהְנְלִיךְ אִין אוּרִין־קַאנַאל, אוּנ פוּן דִיעזֶער שְׁטֶעללֶע שְׁפַּאצִירֶען וַוייטֶער דִי גָאנָאקָאק־קֶען אִין דִי בֶּענַאכְבַּארְטֶע טְהֵיילֶען כְּדוֹמֶה אִין פֶּענְחֶער (בְּלַאזֶע) אוּנ זָאַמֶנ אִין דִי נִיעֶרֶען (זֶעלְטֶען).

דִי פְרַאגֶע אִיז אָבֶער וִוי זִינְד דִי גָאנָאקָאקֶען (גְרִיבֶּקֶעס) גֶעקוּמֶען אִין אוּרִין קַאנַאל? אִין דֶער צַייט וֶוען דֶער מַאנְסְפֶּערְזָאן בֶּעקוּמְט קִישׁוּי אֵבֶר (ד. ה. דֶער גְלִיעד וֶוערְד שְׁטַייף אוּנ אויסגֶע־בְּרֵייטֶערְט וֶוערְד דִי אויסֶערלִיכֶע אֶפְפְנוּנְג פוּן אוּרִין קַאנַאל בְּרֵייטֶער אוּנ אַ טְרָאפֶּען מַאטֶערְיֶע פוּן דִי פְרוֹיֶען פָאחְוֶוע (שֵׁיידֶע) גֵייט לַייכְט אַרַיין אִין אוּרִין קַאנַאל. אַזַא טְרָאפֶּען מַאטֶערְיֶע (אויבּ דִי פְרוֹי הָאט אַ טְרִיפֶּפֶער) אִיז גֶענוּג אִנְצוּשְׁטֶעקֶען דֶעם מַאנְסְפֶּערְזָאן.

עֶס פֶערשְׁטֶעהט זִיךְ, דָאס דָאסֶעלְבֶּע קוּמְט פָאר וֶוען דֶער מַאנְסְפֶּערְזָאהן הָאט אַ טְרִיפֶּפֶער אוּנ עֶר אִיז מִיט אַ גֶעזוּנְד־טֶער פְרוֹי. דִי לֶעטְצְטֶע וֶוערְד פוּן מַאנְסְפֶּערְזָאהן אָנְגֶעשְׁטֶעקְט.

עֶס טְרֶעפֶען אִפְט אויךְ זָאלְכֶע פֶאללֶע, דָאס מִיט אַ פְרוֹי, וועלְכֶע הָאט אַ טְרִיפֶּפֶער, אוּנְד מִיט וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעוֶועזֶען אֵיינִיגֶע מַאנְסלַייט אוּנ נִיט אַללֶע וֶוערֶען אָנְגֶעשְׁטֶעקְט, אֵיינִיגֶע בְּלַייבֶּען גֶעזוּנְד. עֶס גִיבְּט מַאנְסלַייט וֶועלְכֶע זַיינֶען גֶעוֶועזֶען מִיט פֶערשִׁידֶענֶע פְרוֹיֶען (אויךְ מִיט אָנְגֶע־שְׁטֶעקְטֶע, זַארַאזְשֶׁעטֶע) אוּנְד דָאךְ הָאבֶּען זֵיי נִיט דִי אַנְשְׁטֶעקוּנְג.

ד.ה. קיינע ווענערישע קראנקהייט בעקומען. דאפיר גיבט עס מאנס־לייט, וועלכע זאראזשען זיך יעדעס מאל, ווען זיי זיינען מיט א טריפפער קראנקע פרוי.

מיר ווייסען גוט, דאס אין דער צייט פון חלי־רע און דזומא, ווערען ניט אלע קראנק אויף דיזע קראנקהייטען. זאנאר אין איין און דערזעלבען פאמיליע קומט פאר, דאס נור איין מיטגליד ווירד קראנק און די איבעריגע בלייבען געזונד.

אלזא יעדער איינציגע בעזונדער האט פערשידענע שאנסען, ד. ה. איז מעהר אדער וועניגער פאהיג זיך אנצושטעקען פון איינער אדער פון דער אנדערע זאראזליווען קראנקהייט.

פון איינינגע מאנסלייט זאראזשעט זיך גיכער דעריעניגע, וועלכער פערלענגערט דען אקט מיט דער קראנקע פרוי און ווידערהאלט דען אקט איינינגע מאל; דער מאנספערזאן ביי וועלכעם דער אקט דויערט זעהר קורץ האט וועניגער מעגליכקייט צו בעקומען די אנשטעקענדע קראנקהייטען.

עס קען אויך פארקומען, דאס א טראפען מאטעריע אין דער צייט פון אקט איז אריינגעגאנגען פון פאבוועע (שייד אין אורין־קאנאל, און דאך בלייבט דער מענש געזונד, ווייל ער האט גלייך אורין אבגעגעבען און מיט אורין איז אויך דער טראפען מאטעריע ארויסגעווארפען געווארען פון קאנאל, אויב די גרזשיבקעס האבען זיך נאך ניט איינגעגעסען אין די וואנטליך פון קאנאל. ליידער טרעפט עס זעלטען.

געוועהנליך, ווען דער טריפפער – קראנקע קומט צום

דאָקטאָר, ערצעהלט ער איהם פּערשידענע באָבע מעשיות, ווי אזוי ער האט בעקומען דען טריפּער.

— „ווי קומט איהר דאַצו? איהר זייט געווים געוועזען מיט אַ קראַנקער פרוי, פרעגט איהם דער דאָקטאר.

— „וואס רעדט איהר, הערר דאָקטאָר, אַך גאָטט איז מיט אייך! איך האב משׂתּין געוועזען געגען ווינד און גלייך האבען זיך אנגעהויבען די יסורים".

דער צווייטע ערצעהלט אויך, אז ער האט ווייפּערלעך (פּאראזעצקעס, סמאָראָדינע) געגעסען און דאפאן איז ער קראַנק געוואָרען.

נאָך איינער בעקומט עס (ד. ה. ער ערצעהלט דעם דאָקטאָר פון פאָרען אויף אַוואגען, וואס האט זייער געטרייסעלט.

לייכטער בעקומט די קראַנקהייט (עס פערשטעהט זיך נאָך דעם אַקט מיט אַקראַנקער פרוי) דערהיעניגער וועלכער האט זעהר אַ גרויסען גליעד און אויך דערהיעניגע וועלכער איז שוין איינמאל קראַנק געוועזען אויף דיעזע קראַנקהייט.

אַ קינד, וועלכעס האט איינמאל געהאט דיפטעריט אין האלדז, ווירד לייכט אויך אַ צווייטעס מאל אנגעשטעקט מיט דיפטעריט.

דאסזעלבע בעמערקען מיר ביים טריפּפּער — קראַנקען. ער איז מעהר ווי אַנדערע פעהיג נאָך איין מאל אַזוי קראַנק צו ווערען אויף די טריפּפּערקראַנקהייט.

ביי סיפיליס איז גאר אַנדערס. דאס געהערט צו די

גְרֶעאסְטֶע וֶועלְטֶעגְהַייטֶען, דָאס אַ סִיפִילִיס קְרַאנֶקְער זָאלל זִיךְ נָאךְ אֵיינְמָאל אַנשְׁטֶעקֶען מִיט סִיפִילִיס. וּדָאס סִיפִילִיס גִיפְט צִירְקוּלִירְט אִין בְּלוּט פִיעל יאהֶרע נָאךְ דֶער אַנשְׁטֶעקוּנְג אוּנ כָּל זְמַן דָאס אַלְטֶע גִיפְט אִיז נָאךְ דָא אִין בְּלוּט, ווִירְקְט נִיט דִי נַייֶע זַארַאזֶע.

אַם אַנפַאנְג זִיטְצְט דִי קְרַאנְקַהייט גְלַייךְ בַּיים אַיינגַאנְג אִין קַאנַאל אִין דֶער קְלֵיינֶער פֶערטִיעפוּנְג אִין סְלוּזַהייטֶעל (błona śluzowa, слизистая оболочка) פוּן אוּרִין קַאנַאל; דִיזֶע פֶערְטִיפוּנְג (אַ מִין גְרִיבֶּעל) פִינְדֶעט זִיךְ גְלַייךְ הִינְטֶער דֶער אֶפְנוּנְג פוּן אוּרִין-קַאנַאל. דִי סְלוּזַהייטֶעל אִין דִיעזֶער שְׁטֶעלל וֶוערְד שְׁטַארְק רוֹיט אוּנ אָנגֶעשְׁוָואלֶען.

דִי סִימְפְּטָאמֶען. (סִימְפְּטָאמֶען זַיינֶען דִי עֶרשַׁיינוּנְגֶען, וֶועלְכֶע קוּמֶען פָאר בַּיי אַ גֶעווִיסֶער קְרַאנְקְהַייט, סִימְפְּטָאמֶען זַיינֶען דִי סְמָנִים, נָאךְ וֶועלְכֶע מֶען עֶרְקֶענְט דִי קְרַאנְקְהַייט, יֶעדֶע קְרַאנְקְהַייט הָאט אִיהרֶע סִימְפְּטָאמֶען). דִי עֶרְשְׁטֶע **24**—48 שָׁעָה פִיהְלְט דֶער קְרַאנֶקֶער גֶעוֶואהְנלִיךְ קֵיינֶע שְׁמֶערְצֶען, שׁוֹין אוֹיפ׳ן 3-טֶען אָדֶער 4.טֶען טָאג נָאךְ דֶעם אַקְט מִיט אַ טְרִיפֶּער קְרַאנֶקְער פְרוֹי פִיהְלְט עֶר אַ מִין קִיצְלֶען, שְׁטֶעכֶען אִין פָאדֶערשְׁטֶען טְהֵייל פוּן אוּרִין-קַאנַאל נָאךְ אוּרִין לָאזֶען. שְׁפֶּעטֶער פִיהְלְט עֶר אַ מִין בְּרֶענֶען אוּנ שְׁמֶערְצֶען אִין זֶעלְבֶּען שְׁטֶעלל נִיט נוּר נָאךְ אוּרִין לָאזֶען אָבֶער בֶּעשְׁטֶענְדִיג פִיהְלְט עֶר אַ בֶּעדִירפְנִים אֶפְטֶער אוּרִין צוּ לָאזֶען אוּנ דִי שְׁמֶערְצֶען וֶוערֶען גְרֶעאסֶער. דִי אֶפְפְנוּנג פוּן קַאנַאל וֶוערְט רוֹיט אוּנ גֶעשְׁוָואלֶען.

שׁוֹין אָפְט אוֹיפ׳ן 4-טֶען טָאג צַייגְט זִיךְ פוּן קַאנַאל: סְלוּז. אוֹיפ׳ן 5-טֶען טָאג לוֹיפְט שׁוֹין דֶער קְרַאנֶקֶע אַלֶע ½ שָׁעָה, אַלֶע

שעה אורין לאזען און די מאטעריע פון קאנאל ווערד געלב, שמוטצט די וועש און לאזט אויפ'ן העמד פלעקען, וועלכע ווערען שפעטער הארט פערטריקענט.

דאס קעפעל פון אבר ווערד געשוואלען און די עפפנונג פון קאנאל ווערד נאך מעהר רויט און שמערצט. אונזער קראנקער האט קיין מנוחה ביי טאג און אפט אויך ביי נאכט; דענן אין בעט ווען דער גאנצע קערפער ווערד ערוואַרמט, קומט קישוי אבר, דער גליד שמערצט און לאזט דעם קראנקען ניט שלאפען (אין אזעלכע נאכט גיט זיך דער קראנקע נדרים, ער וועט שוין מעהר דעם יצר הרע ניט פאלגען), ער שלאפט ווידער איין און ווידער וועקט איהם די אייגענע געשיכטע. דער קראנקע געהט ארויס פון בעט, געהט ארום איבער'ן צימער, לאזט אורין און עס ווערד איהם עטוואס לייכטער א. ז. וו.

די שמערצען ביים אורין לאזען, מאטעריע פון אבר, די רויטקייט און דאס געשוועללען פון שליימהייטעל פון אורין–קאנאל, דער שמערצליכער קישוי אבר ווערט אימער גרעסער און גרעססער פון 8-טען ביז דעם 14-טען טאג. נאכ'ן 14-טען טאג פאנגען אן די ערשיינונגען צוריק צו געהן: די שמערצען אין קאנאל פערשווינדען כמעט, דער קראנקע לויפט שוין ניט אזוי אפט מיט אורין, די קישוי אבר ביי נאכט קומט פאר אימער זעלטענער, אבער די מאטעריע געהט אימער פון קאנאל, זאגאר נאך מעהר, ווי פארהער.

נאך דריי–פיער וואכען צייגט זיך שוין ביי טאג גאר קיין מאטעריע, יעצט ווערד דער קראנקע ענטוועדער אין גאנצען גע-נעזען אדער אין דער פריה, ווען דער קראנקע שטעהט אויף

פון בעט, איז די אפפנונג פון קאנאל צוזאממען געקלעבט אונ מען קען נאך אויסקוועטשען א טראפען מאטעריע.

דא האבען מיר שוין צו טהון מיט א כראנישען טריפפער, דען טראפען מאטעריע, וועלכער געהט ארוים אין דער פריה רופט מען מיליטער טראפען, ווייל מען טרעפט עס אפט ביי אונפער־הייראטעטע אפיציערען אין מיטטעלע יאהרען. אנדערע ווידער רופען עס „באן־זשור טראפען„ „באן־זשור" אים פראנצאזישען הייסט „גוט מארגען."

אין דיעזעם צושטאנד האט דער קראנקע קיינע שמערצען, מעהר ניט דער טראפען בלייבט אים אויף א זכר. דאך דארף זיך דער קראנקע קורירען. דענן אין דיעזעם צושטאנד קען ער אנשטעקען זיין פרוי מיט א טריפפער אונד די קראנקהייט קען זיך פערארגערען נאך פיעל שנאפס, וויין, ביער טרינקען, אונ פיעל פערקעהרען מיט פרויען.

ווי לאנג דויערט די קראנקהייט? זעהר פערשיעדען: פון 6—8 וואכען ביז א יאהר אונ לענגער.

.II

שוין אייניגע הונדערט יאהר, ווי מען פערלאנגט פון די דאקטורים, זיי זאלען געפינען א מיטטעל צו פערהיטען פון טריפפער, לײדער האט אונזערע וויססענשאפט ביז יעצט א ריכ־טיגען מיטטעל ניט ערפונדען, אונז בלייבט נור דעם פובליקום

צו ראטהען: עסט ניט קיין אונציטיגע פרוכט, וועלען אייערע צאהנע ניט שטומפ (אייליג) ווערען.

די פאציענטען ערצאהלען אפט דאס זיי זייגען זעהר פארזיכטיג.

—זעהר שיין, איר האט קיין פערקעהער מיט פרויען?

—דאס ניט, איך האב נור 1 מאל מאנאטליך, 1 מאל אין 2 מאנאט.

די לייטע פערגעסען, דאס אום צו בעקומען א ווענערישע קראנקהייט דארף מען ניט דווקא יעדען טאג מיט פרויען זיין, די זאראזע בעקומט מען געוועהנליך נאך איין אקט מיט א קראנקער פרוי.

דער אקט מיט א פרוי אין דער צייט פון וסת איז פערבאטען. ניט אומזאנסט איז די תורה אזוי מקפיד אויף נדה: עס איז ניט עסטעטיש (שאן) אונ עס איז שעדליך, אונ אפט מיט א נדה בעקומט מען א קאטאר אין אורין—קאנאל, וועלבער איז זעהר אהנליך צו טריפפער. מיט א שוואנגערע פרוי דארף מען ניט זיין א געוויסע צייט פאר'ן געבורט אונ א געוויסע צייט נאכ'ן געבורט (ביז 6 וואכען), זא, ווי די תורה פערזאגט אונז „אשה כי תזריע וילדה זכר״... (ויקרא יב) דען פון דער געבאר מוטטער אונ פון שיידע פליסען פערשידענע פליססיגקייטען, וועלכע קענען הערפאררופען א ענטצינדונג אין אורין—קאנאל.

אויך איז שעדליך פערשידענע מיססברויכען (злоупотреб- ленiя, nadużycia.) אים פערקעהר מיט פרויען. ווי: פערלייננערען דעם אקט, איבעררייסען דעם אקט אין מיטטען א. ד. ג.

גלייך נאך דעם אקט דארף מען אורין לאזען די אורין; שווענקט דורך דען קאנאל אונ ערווייטערט די מאטעריע, וועלכע איז פיעללייכט

שוין אַריין אין אוֹרין-קאַנאַל פון פּאחְוֶוע (שֵׁיידֶע), נאכְהֶער זָאלל מֶען אָפּוואַשֶׁען דֶען גְלִיד מִיט 5% קאַרְבָּאל וואַסֶער, דָאס אָפּוואַשֶׁען אוּנְד אוּרִין לָאזֶען אִיז אָפְט נוּטְצְלִיךְ, אָבֶער עֶס פֶּערזִיכֶערְט נִיט לַחֲלוּטִין ד. ה. עֶס טְרֶעפְט דָאס מֶען טְהוּט עֶס, אָבֶער דָאךְ ווֶערְד מֶען גִיזֶק.

דֶער עוֹלָם גֶעמְט אָן, אַז פון טְרִיפּפֶּער פֶּערהִיטֶען פֶּער־שִׁידֶענֶע שְׁפְּרִיטְצוּנְגֶען אִין אוֹרִין-קאַנאַל ווֶעלְכֶע מֶען מַאכְט גְלַייךְ נָאכ'ן אַקְט, דָאס אִיז נִיט רִיכְטִיג, נָאךְ דֶעם אָבּוואַשֶׁען דֶען גְלִיד אוּנ אוּרִין לָאזֶען קֶען זַיין נוּטְצְלִיךְ אַיינשְׁפְּרִיצֶען אִין אוּרִינ־קאַנאַל 2% קאַרְבָּאל וואַסֶער, אָדֶער אַ שְׁוואַכֶען עֶסִיג.

דֶער בֶּעסְטֶער מִיטֶעל גֶעגֶען טְרִיפּפֶּער בְּלַייבְּט אִימֶער דֶער קאָנְדָאן. דֶער קאָנְדָאן וואַר עֶרפוּנְדֶען דוּרְךְ דֶען עֶנְגְלִישֶׁען קאָנְטָאן ווֶעלְכֶער וואַר לֵייבּ-מֶעדִיק בֵּיי דֶער עֶנְגְלִישֶׁער קאָנִיגֶען.

יֶעצְט ווִירְד דֶער קאָנְדָאן גֶעמַאכְט פון קוֹיטְשׁוּק אוּנ אַנְדֶערֶע עֶלַאסְטִישֶׁע גֶעוֶועבֶּע, פְרִיהֶער וואוּרְדֶע עֶר גֶעמַאכְט פון פֶּערשִׁידֶענֶע הַייטֶעל פון טְהִירֶע (פון אַ פִישבְּלַאזֶע), פון גֶעדֶארְם פון אַ שָׁאף). דֶען קאָנְדָאן צִיהְט מֶען אָן פַאר דֶעם אַקְט אוֹיף דֶען גְלִיעֶד ווִי אַהַאנְדשוּה אוֹיף דֶען פִינְגֶער. אָבֶער דִיעזֶעס מִיטֶעל פֶּערהִיט אוֹיךְ נִיט אִין גַאנְצֶען זִיכֶער פון טְרִיפּפֶּער אוּנ אַנְדֶערֶע ווֶענֶערִישֶׁע קְרַאנְקהַייטֶען.

דִי אֶפְּפְנוּנְג פון אוּרִין-קאַנאַל אִיז גֶעשִׁיטְצְט, זִי אִיז גֶעדֶעקְט מִיט דֶעם קאָנְדָאן, אַלְזָא קֵיין מַאטֶערְיֶע פון פָּאחְוֶוע (שֵׁיידֶע) קֶען נִיט קוּמֶען אִין אוּרִין-קאַנאַל, דָאךְ פֶּערגְלַייבְט מֶען דֶען קאָנְדָאן מִיט אַ אַלְטֶען שִׁירְם — „עֶס דָאנְנֶערְט, עֶס בְּלִיטְצְט, גֶעהט אַ גָאסס-רֶעגֶען, אָבֶּער אִיהר גֶעהט זִיכֶער אִין

וועג, איהר פערלאָזט איך אויפ'ן אַלטען שירם, איהר אָפענט די אַלטע טראַנטע, פּלאָטצליך פּלאַצט ער אונ דער רעגען גיסט איך אָפּ פון קאָפּ ביז די פיס". דער קאָנדאָן קען אויך זיך צו־רייסען אָדער פּלאַצען אין מיטען אַקט אונ דאַן אַדיע מיט זיין פערהיטונגס ראָלע, די אָפּפנונג פון קאַנאַל איז שוין ניט געשטיצט מעהר.

דאָך אויפ'ן אייזען – באהן טרעפען אויך אונגליקען, אָבער דער עולם פאָהרט אונ מערקט עס ניט.

איין פערטהיידיגער פון דיזעם פערהיטונגס מיטטעל פרעגט: „רע־כענען מיר דענן פיר געשטאָרבענע די וואס געפינען זיך אויפ'ן שיף אין מיטען פון ים, וועלכע זיינען אפגעטהיילט פון טויט נור דורך אַ דינע אָדער גראָבע ברעט"? ער פרעגט ווייטער: קען מען דען רעכענען פיר אַנגעשטעקטע (זאראָזשעטע) דיענינע, וועלכע זיינען אָפּגעטהיילט פון זאראָזע דורך אַ דעליקאַטנע היטעל, אָבער דאָך אָבגעטהיילט"?

דער קאָנדאָן קען אויך הערונטערפאַללען, ווען ער איז צו גרויס אָדער ניט גוט הערויף געצויגען, עס פערשטעהט זיך, דאָס אויך אין דיעזעם פאלל איז ער אוננוטצליך. ער האט נאָך פאָלגענדע חסרונות: ביים נאַטירליכען אַקט (אָהן קאָנדאָן) רירט זיך דער גליעד אָהן די כלוזהייטעל פון באָהווע (שיידע) אונ ווערד גיבער אויפגעוועקט, צערייצט אונ גיט גיבער אָפּ די זרע. אים גאַנצען דויערט דער אַקט קורץ, עס פערשטעהט זיך דאָס מיט אַ קאָנדאָן דויערט דער אַקט לאַנגער, אונ ביים אָפטען געברויך פון קאָנדאָן, ווערדען די נערווען וועלכע שפּילען אַ גרויסע ראָלע ביים אַקט. גיבער ערשאָפּט אונ עס קען אויך קומען צו

אימְפּאטֶענְץ ד. ה. צו מֶאנגֶערשְׁוֶועכֶע אונ בַּיי נֶערוָואָזֶע מֶענְשֶׁען קֶען עֶם פִיהְרֶען צו פְערשִׁידֶענֶע נֶערוֶוען קְרַאנְקְהַייטֶען.

מֶערקְווירְדִיג אִיז, דָאם דֶער קָאנְדָאן ווירְקְט שֶׁאדְלִיךְ נִיט נור אויף דִי מֶאננֶער, וֶועלְכֶע בֶּענוּטְצֶען אִיהם, אָבֶּער אויךְ אויף דִי פְרויֶען.

עֶם אִיז לַייכְט צו פֶערשְׁטֶעהן, דָאם 1) דֶער לָאנגֶערֶער אַקְט אִיז אויךְ בַּיי דֶער פְרוי דִי אורְזַאכֶע פון אַ גְרֶאסֶערֶער שְׁטֶערֶענגוּנְג פון נֶערוֶוענְסִיסְטֶעם אונ 2) סוף כָּל סוף גִיבְּט אִיהר דֶער קָאנְדָאן נִיט אַזַא צוּפְרִידֶענְהַייט ווִי דֶער נַאטִירלִיכֶער אַקְט.

ווֶען אַ יוּנְגֶע פֶערהֵייַראטֶעטֶע פְרוי בֶּעקְלַאגְט זִיךְ אויף פֶערשִׁידֶענֶע נֶערְוֶוען עֶרשַׁיינוּנְגֶען: (זִי שְׁלָאפְט נִיט גוּט, זִי הָאט קָאפּ־שְׁמֶערְצֶען א. ד. ג.) פְרֶעגֶען מִיר גְלַייךְ, ווֶען הָאט זִי דָאם לֶעטְצְטֶע קִינְד גֶעבָּארֶען.

זֶעהר אָפְט עֶרקוּנְדִיגֶען מִיר זִיךְ, דָאם אִין דִי לֶעטְצְטֶע יָאהְרֶען הָאט דֶער מַאן אִימֶער בֶּענוּטְצְט אַ קָאנְדָאן אָדֶער אַנְדֶערֶע פֶערשִׁידֶענֶע קוּנְסט־שְׁטִיקֶען, אוּם דִי פְרוי זָאלל נִיכְט גֶעבֶּארֶען.

דִי נאטוּר הָאט אִיהְרֶע גֶעזֶעטְצֶע, ווֶען אֵיינֶער זָאלל זֵיי אִיבֶּערטְרֶעטֶען ווִירְד עֶר גְלַייךְ בֶּעשְׁטְרָאפְט.

דֶער אַקְט מִיט אַ פְרוי דַארְף דִיעֶנֶען נור צו פֶערגְרֶאסֶערָען דִי מֶענְשְׁלִיכֶע פַאמִילְיֶע, „כִּי לֹא לְתֹהוּ בְרָאָהּ לָשֶׁבֶת יְצָרָהּ". דֶער־יֶענִיגֶע, וֶועלְכֶער פֶערפָאלְגְט נוּר פֶערגְנִיגֶען זָאנַאר מִיט אַיין פְרוי, אָדֶער עֶר אִיז מִיט פֶערשִׁידֶענֶע פְרויֶען בֶּעקוּמְט לַייכְט אִין עֶרשְׁטֶען פַאל אַ נֶערְוֶוען קְרַאנְקְהַייט, אִין צְווֵייטֶען פַאל מֶעגְלִיךְ אויךְ דֶערִיעֶנִיגֶע אַ וֶוענֶערִישֶׁע קְרַאנְקְהַייט, וֶועלְכֶער

בֶּענוּטְצְט פֶערשִׁידֶענֶע מִיטטֶעל אוּנ שְׁטוּטְצֶקֶעס אוּם קִינְדֶער נִיט צוּ גֶעבֶּארֶען (צ״ב אִיבֶּערגֶעְרִיסֶענֶער אַקְט, קאנְדָאן א. ד. ג.) קֶען בְּרֵיינְגֶען צוּ אַ נֶערְוֶוען קְרַאנְקהַייט (אָבְווָאהְל נִיכְט אִימֶמֶער). שְׁפֶּעטֶער וֶוען מִיר וֶועלֶען רֵיידֶען אִיבֶּער אַנְדֶערֶע וֶוענֶערִישֶׁע קְרַאנְקהַייטֶען, וֶוען מִיר וֶועלֶען רֵיידֶען אִיבֶּער פֶערשִׁידֶענֶע נֶערְוֶוען קְרַאנְקהַייטֶען וֶוערְדֶען מִיר מֶעהר אוּנְד מֶעהר אוּנְז אִיבֶּערצַייגֶען ווִי שְׁוֶוער דִי נַאטוּר פֶערפָאלְגְט יֶעדֶעס „אִיבֶּערגֶעהן פוּן גְרֶענְצֶע״ אִין כַּמוּת אָדֶער אִין אֵיכוּת (ד. ה. דִי נַאטוּר שְׁטְרָאפְּט נִיט נוּר דַאן, וֶוען דֶער מֶענְשׁ אִיז אִים פֶערְקֶעהְר מִיט פִיעל פֶערשִׁידֶענֶע פְרוֶיען, אָבֶּער אוֹיךְ דַאנן וֶוען עֶר אִיז נוּר מִיט אֵיינֶער אָבֶּער מִיט אַ וֶוענֶערִישֶׁער קְרַאנְקֶע.

אוּם שׁוֹין צוּ עֶנְדִיגֶען מִיט דִי קָאנְדָאן פְרַאגֶע, דַארְף אִיךְ נָאךְ צוּגֶעבֶּען, דָאס דֶער קָאנְדָאן (פוּן טְהִיר-הַייטֶעל), קֶען אַלֵיין דִיענֶען אַלְס אוּרזַאכֶע פוּן זַארַאזֶע. קָאנְדָאנֶעס גֶענִיטְצְטֶע אוּנ נִיט גֶענִיטְצְטֶע אִיז שְׁוֶוער צוּ אוּנְטֶערשֵׁיידֶען, אוּנ עֶס קֶען טְרֶעפֶען דָאס אִין גֶעשֶׁעפְט וֶוערְדֶען פֶערקוֹיפְט קָאנְדָאנֶען, וֶועלְכֶע וַוארֶען שׁוֹין בֶּענוּטְצְט פוּן אַ סִיפִילִיס קְרַאנְקֶען אוּנ וֶועלְכֶע קֶענֶען יֶעצְט אַ גֶעזוּנְדטֶען אַנשְׁטֶעקֶען.

אִיךְ הָאב הִיעֶר גֶענוֹיעֶר גֶעשְׁפְּרָאכֶען פוּן קָאנְדָאן, וַוייל עֶר שְׁפִּיעֶלְט יֶעצְט אַ גְרוֹיסֶע רָאלֶע אִין אוּנְזֶער פַאמִילְיֶען לֶעבֶּען: נִיט נוּר אִין פַּארִיז אָבֶּער אוֹיךְ אִין סְלָאנִים, גְרָאדְזִיסְק אוּנ אֵיישִׁישָׁאק, זוּכֶען דִי לַייטֶע דִי פֶערשִׁידֶענֶע מִיטטֶעל גֶעגֶען קִינְדֶער הָאבֶּען.

מִיר זַיינֶען גְרוֹיסֶע בַּעֲלֵי הוֹצָאוֹת אוּנ מִיר הָאבֶּען פֶער־לָאזֶען דֶען בִּטָחוֹן: פוּן אוּנְזֶערֶע זֵיידֶעס, מִיר טְרַאכְטֶען מִיט שְׁרֶעק וֶועגֶען מָארְגֶען אוּנ מִיר ווִילֶען נִיט הָאבֶּען אַ גְרוֹיסֶע

פאמיליע. פיר די פרויען אפט קינדלען געהערט ניט צו דען גרויסען פערגניגען, אונ צווישען פערשידענע מיטלען געגען "שוואנגערשאפט" שפילט דער קאנדאן די ערשטע ראלע.

יעטצט שטעלען מיר זיך אזא פראגע: א געוויסע פרוי איז א טריפפער קראנקע. ווען איין מאנספערזאן זאלל מיט איהר זיין מוז ער אנגעשטעקט ווערדען, אדער עס גיעבט מיטלען צו פערהיטען, פון דיעזער קראנקהייט? ווען די פרוי גיט אפ אורין פאר׳ן אקט אונ שפריצט אויס גוט די פאחווע (שיידע) פאר׳ן אקט דאנן איז מעגליך דאס ער זאלל ניט אנגע־שטעקט (זאראזשעט) ווערדען, מיר זעהן ווי וויכטיג איז פאלגענ־דעם מאססרעגעל: יעדע פערדעכטיגע (חשודה) פרוי זאלל פאר׳ן אקט לאזען אורין אונ מיט געקאכטע לויע וואססער פון א איר־ריגאטאר אויסשפריטצען די פאחווע.

עס פערשטעהט זיך, דאס יעדער טריפפער קראנקע פאר׳ן אקט, אום ניט אנצושטעקען די פרוי, דארף טהון דאס זעלבע: אפגעבען אורין אונ איבערשפריצען דען אורין־קאנאל מיט 2% קארבאל וואססער אבער דאס שיטצט נאך ניט בעשטימט די פרוי פון אנשטעקונג.

.III

ביז יעטצט האבען מיר געשפראכען פון מיטלען, וועלכע פערהיטען פון טריפפער. ווי קורירט מען א טריפפער, וועלכער האט זיך שוין ענטוויקעלט?

גיבּט עס אַזא מיטטעל וועלכעס זאלל זיין אים שטאַנד אין די ערשטע טאג פון קראַנקהייט, זא צו זאַגען, איבּערראַייסען די קראַנקהייט, קופּירען („ווי די דאקטורים זאגען") די קראַנקהייט? גיבּט עס איבּערהויפּט מיטטלען, וועלכע זאלען זיכער ווירקען אויף די קראַנקהייט, וועלכע זאלען בּעשטימט אויסקורירען פון דער קראַנקהייט זאגאר אין דער שפּעטערער צייט פון קראַנקהייט?

די דאקטורים אַרבּייטען שוין לאַנג אין דיעזער ריכטונג, זיי האָבּען געמאַכט פיעל נסיונות, פּראָבּען (עקספּערימענטען) זיי האָבּען געמאַכט בּעאָבּאַכטונגען בּיים בּעט פון קראַנקען, דאָך איז בּיז יעטצט איהנען ניט געלונגען צו פינדען אַ זיכער'ן מיטטעל. מיר קענען פיעל מיטטלען, וועלכע ווירקען גוט אויף די קראַנקהייט, אָבּער ניט איינעס פון זיי איז אַבּסאָלוט זיכער, דאס הייסט מיר קענען ניט פערזיכער'ן פּארויס דעם קראַנקען, דאס מיט דיעזעם מיטטעל וועט ער בּעשטימט געזונד ווערען.

זא דער בּערימטער סיפילידאָלאָג (אַ ספּעציאַליסט פון ווענערישע קראַנקהייטען) פּראָפ' צייס'ל בּרענגט אין זיין בּוך די ווערטער פון ענגלישען אַרצט קופּער, וועלכער האט געזאָגט מיט הונדערט יאהר צוריק, „אין איינינען פּאַללען פון טריפּפּער דויערט די קראַנקהייט זא לאַנג (בּיי אַללער מעגליכען קוראַציאָן) דאס עס איז אַ חרפּה פיר די ערצטליכע קונסט.

דער טריפּפּער איז אָפט (מיר וואָלטען זאָגען: זעלטען) אַזא קראַנקהייט, וועלכע זאַגאר דער געשיקטעסטע און ערפאַהרענסטע אַרצט קען ניט אויסקורירען" זא זאגט קופּער, זיינע ווארטער זינד נאָך יעטצט ריכטיג אין דער הינזיכט, דאס מיר קענען ניט קיין מיטטעל, וועלכעס זאלל איבּעררייסען די קראַנקהייט.

דער קראַנקע אָבער וועלכער קורירט זיך מעטאָדיש (ד. ה. אַ געוויסע צייט אונטער די לייטונג פון אַ דאָקטאָר) אונ איז געהאָרזאַם (טהוט אַללעס, וואָס דער דאָקטאָר פעראָרדנעט) ווירד אַם מייסטען אין צייט פון 6 וואָכען ביז 6—10 מאָנאַטע געזונד.

אין פראַנקרייך וואַר זעהר פערברייטעט די זאָ גענאַנטע „אַבאָרטיווע מעטאָדע". זי בענוטצט שטאַרקע מיטטעל, אום שוין אין די ערשטע טאָג פון קראַנקהייט אָדער שפעטער פיר איין מאָל אָב צו שטעלען איהרע ענטוויקעלונג. דער בעריהמטעסטע פראַנצאָזישע סיפילידאָלאָג ריקאָרד האָט אָפטער בענוטצט די מעטאָדע אין זיין פראַקטיקע; ער זאָגטע, דאָס איהם איז אָפט געלונגען אויס־קורירען אין 24 שטונדען אַטריפפער, וועלכער האָט שוין געדויערט 2 וואָכען. ביי דיעזער מעטאָדע שפריצט מען איין אין אורין־קאַנאַל מיטטלען וועלכע ווירקען זעהר שטאַרק („עססען אויס") „ברענען אויס" אויף די סלוזי־הייטעל פון אורין־קאַנאַל צ"ב שטאַרקע ליאפיס – לאָזונג.

דיעזע מעטאָדע האָבען מיר יעטצט אין גאַנצען פערוואָרפען, דענן מיר קענען פאָראויס ניט זאָגען, אויב דער פאַציענט וועט פון אַזאַ שטאַרקען מיטטעל בעשטימט געזונד ווערען אונ ווידער ווייסען מיר ניט, אויב דער שטאַרקער מיטטעל וועט ניט זיין שעדליך פאַר'ן קראַנקען אַנשטאָרט איהם נוטצען צו ברייננגען אונ ביי אונז איז דער וויכטיגסטע פרינציפ „ניט צו שאַדען" דעם קראַנקען. ליידער זינד בעקאַנט פאַללע וואו דיעזע מעטאָדע (מיט זעהר שטאַרקע איינשפריצונגען) האָט זיך געצייגט אַלס זעהר שעדליך.

איין יונגער אַרצט האָט געוואָלט אים אַנפאַנג פון זיין

טְרִיפּפֶּער קְרַאנְקהַייט גְלַייךְ זִיךְ אויסקוּרִירֶען. עֶר הָאט גֶעמַאכְט אַ אַיינשְׁפְּרִיצוּנְג מִיט אַ זֶעהר שְׁטַארְקֶען מִיטטֶעל, דִי עֶנְטצִינְדוּנְג אִין אוּרִין־קַייַנאל אִיז אִימְמֶער שְׁטַארְקֶער גֶעוָוארֶען אוּנ דֶער אוּנגְלִיקְלִיכֶע הָאט פֶערלָארֶעז דֶען גְלִיעד.

אַנְדֶערֶע דָאקְטוֹרִים הָאבֶּען נֶעוָואלְט פְּלוּצְלוּנְג אִיבֶּערְרַייסֶען („אויסקוּרִירֶען”) דִי קְרַאנְקהַייט דוּרְךְ אִינְנֶערלִיכֶע מִיטטֶעל: דוּרְךְ בַּאלְזַאם קָאפַּאאִיוִוי אוּנ קוּבֶּעבֶּע.

דֶער גֶעלֶעהְרְטֶע צַייסֶעל זַאגְט, דַאסס בַּיי דִיעזֶער מֶעטָאדֶע (ווֶען מֶען גִיט דֶעם קְרַאנְקֶען גְרוֹיסֶע דָאזֶען פוּן בַּאלְזַאם אוּנ קוּבֶּעבֶּע עֶר זָאלל זִיךְ גִיךְ אויסקוּרִירֶען פֶערלִירְט דֶער קְרַאנְקֶע דֶען אַפֶּעטִיט, עֶר וָואמִירְט (בְּרֶעכְט); דָאךְ הָאט עֶר נִיט בֶּעמֶערְקְט, דָאס דֶער טְרִיפּפֶּער זָאלל זִיךְ בַּיי דִיעזֶער מֶעטָאדֶע שְׁנֶעלל אויס־קוּרִירֶען, לְהֶפֶךְ עֶר הָאט אָפְט בֶּעמֶערְקְט, דָאס דֶער צוּשְׁטַאנְד פוּן קְרַאנְקֶען הָאט זִיךְ בַּיי דִיעזֶער מֶעטָאדֶע פֶערְאֶרְגֶערְט. ווִי זָאלל זִיךְ דֶער קְרַאנְקֶע קוּרִירֶען אַם אַנְפַאנְג פוּן קְרַאנְקהַייט אַם אַנְפַאנְג פוּן קְרַאנְקהַייט בֶּעמִיהֶען. מִיר אוּנְז צוּ עֶרלַייכְטֶערְן דִי לַייְדֶען פוּן קְרַאנְקֶען ד. ה. מִיר קוּרִירֶען פֶערשִׁידֶענֶע סִימְפְּטָאמֶען.

מִיר הָאבֶּען שׁוֹין אוֹיבֶּען בֶּעשְׁרִיבֶּען דָאס אַם אָנְפַאנְג הָאט דֶער קְרַאנְקֶע שְׁמֶערְצֶען בַּיים אוּרִין אָבְגֶעבֶּען, דָאס בַּיי נַאכְט הָאט דֶער קְרַאנְקֶע צָרוֹת פוּן קִישׁוּי אֵבֶר, דָאס עֶס קֶען זִיךְ אוֹיךְ בְּלוּט צַייגֶען פוּן אוּרִין־קַאנַאל א. ד. ג.

מִיר רַאטֶען דֶעם קְרַאנְקֶען עֶר זָאלל זִיךְ טֶאגְלִיךְ מַאכֶען לֶעטְנִיֶע 27°—28° (לוֹיֶע) וַואננֶעס (בֶּאדֶער) פִיר דֶען גַאנְצֶען קֶארְפֶּער אוּנ אוֹיךְ אָרְט־וַואננֶעס, ד. ה. אַ וַואננֶע פוּן אַ גְלָאז

לויִע וַואסֶער נור פִיר דֶען גְלִיעד ; דִי וַואנגֶעס בְּרֵיינְגֶען אַ עֶר־לֵייכְטֶערוּנְג פוּן דִי שְׁמֶערְצֶ׳ן. אויךְ אִיז גִיטְצְלִיךְ צוּ צוּלֵייגֶען קָאמְפְּרֶעססֶען פוּן וַוייס–וַואסֶער (גוּלַארדָאוֶוע וַואסֶער) צוּם גְלִיעד. דִי קָאמְפְּרֶעססֶען בֵּייט מֶען אַלֶע 10 מִינוּט.

אַם בֶּעסְטֶען אִיז, דָאס דֶער קְרַאנְקֶע זָאלל דִי עֶרְשְׁטֶע 10 טֶאג אִין בֶּעט לִיעגֶען (אויב מֶעגְלִיךְ). עֶר זָאלל קֵיין אַלְקָאהָאל נִיט טְרִינְקֶען (קֵיין שְׁנַאפְּס, וַויין, בִּיער, קָאנְיַאק, לִיקֶער), שְׁטַארְקֶע טְהֵיי אוּנ קַאוֶוע אִיז פֶערבָּאטֶען, שְׁטַארְק גֶעוּוירְצְטֶע פְּאטְרַאוֶועס (שְׁפֵּייזֶען) זֵיינֶען שֶׁעדְלִיךְ. פִיר דֶען קְרַאנְקֶען אִיז אַם בֶּעסְטֶען אַ מִילךְ דִיעֶט. סָאדֶע, סֶעלְטֶער אוּנ אַנדֶערֶע מִינֶערַאל וַואסֶער וֶועלְכֶע עֶנְטהַאלְטֶען קוילֶזויֶערֶעס, זָאלל דֶער קְרַאנְקֶע נִיט טְרִינְקֶען.

עֶס פֶערשְׁטֶעהט זִיךְ, דָאס דֶעם טְרִיפֶּער–קְרַאנְקֶען אִיז שְׁטְרֶענְג פֶערבָּאטֶען פֶערקֶעהְרֶען מִיט פְרוֹיֶען, וַוייל: 1) דֶער אוּרִין–קַאנַאל אִיז עֶנְטצִינְדֶעט אוּנ יֶעדֶער עֶנְטצוּנְדֶענֶע גְלִיעד מוּז אִין רוּהֶע בְּלֵייבֶּען, 2) דֶער קְרַאנְקֶע קֶען דִי פְרוֹי אַנשְׁטֶעקֶען מִיט זֵיינֶער קְרַאנְקְהַייט.

אוּנ נִיט נוּר דֶער פֶערקֶעהר (דֶער אַקְט) מִיט פְרוֹיֶען אִיז פֶערבָּאטֶען, אָבֶּער אויךְ דָאס לֶעזֶען פוּן אוּנְפֶערשֶׁעמְטֶע בִּיכֶער (פָארנָאגְרַאפְיֶע), דָאס אַנְזֶעהן פוּן גֶעוִויסֶע בִּילְדֶער מִיט נַאקֶעטֶע פְרוֹיֶען, יֶעדֶער נִבּוּל פֶּה אוּנ אִיבֶּערהוֹיפְּט דָאס דֶענְקֶען אִיבֶּער דֶען אַקְט א. ד. ג.

וֶוען דֶער קְרַאנְקֶע טְהוּט דָאס זַיינִיגֶע אוּנ פָאלְגְט נִיט אוּנזֶער רַאטְה, וִוירְד עֶר גַאנְצֶע נֶאכְט נִיט שְׁלָאפֶען פוּן פָאללוּצְיֶעס (דָאס אָבְּגֶעהֶען פוּן זֶרַע) אוּנ פוּן קִישׁוּי אֵבֶר (זיהֶע אָבֶען).

אַלְזאָ דֶער טְרִיפּפֶּער – קְרַאנְקֶע מוּז זַיין אַנְזִיר פוּן וַויין, פְּרוֹיֶען, הִרְהוּרִים רָעִים בִּיז עֶר וֶוערְט גֶעזוּנְד.

דִי אַלֶע הִיגִיֶענִישֶׁע (ווִי וַואנֶעס) אוּנ דִיעֶטֶעטִישֶׁע מִיטְטֶעל גֶענִינְגֶען שׁוֹין דַאצוּ, אוּם צוּ בְּרֵיינְגֶען אִין דִי עֶרְשְׁטֶע וָואךְ אָדֶער דִי עֶרְשְׁטֶע 2 וָואכֶען דֶעם קְרַאנְקֶען אַ גְרוֹיסֶע עֶרלַייכְטֶערוּנְג אוּנ בֶּעסֶערוּנְג פוּן אַללֶע זַיינֶע לֵיידֶען.

אַיינְשְׁפְּרִיצוּנְגֶען אָבֶּער פוּן פֶערשִׁידֶענֶע מִיטְטֶעלְן אִין דִי עֶרְשְׁטֶע טֶאג בְּרֵיינְגֶען נוּר אַ פֶּערְאֶרְגֶערוּנְג אוּנ דֶער לֶעזֶער, דֶענְק אִיךְ, פֶערשְׁטֶעהט וָוארוּם עֶס אִיז אַזוֹי: דֶער טְרִיפּפֶּער אִיז אַ עֶנְטצִינְדוּנְג פוּן אוּרִין-קַאנַאל, יֶעדֶע עֶנְטצִינְדוּנְג קוּרִירֶען מִיר מִיט רוּהֶע, דֶער עֶנְטצוּנְדֶענֶע אָרְגַאן מוּז אַ גֶעווִיסֶע צַייט אִין רוּהֶע זַיין, אוּם דִי עֶנְטצִינְדוּנְג זָאלל אָבגֶעהן; אַיינְשְׁפְּרִיצוּנְגֶען מִיט פֶערשִׁידֶענֶע אַפטֶעצְנֶע מִיטְטֶעלְן שְׁטֶערֶען דִי רוּהֶע פוּן גְלִיעד אוּנ דִי עֶנְטצִינְדוּנְגס עֶרשַׁיינוּנְגֶען וֶוערֶען נָאךְ אָפְט שְׁטַארְקֶער נָאךְ דִי אַיינְשְׁפְּרִיצוּנְגֶען. לֵיידֶער אִיז אוּנְזֶער פּוּבְּלִיקוּם אִין דְעֶער הִינְזִיכְט זֶעהר אוּנגֶעדוּלְדִיג; שׁוֹין בַּיי דִי עֶרְשְׁטֶע סִימְפְּטָאמֶען פוּן טְרִיפּפֶּער אוֹיף דֶעם 4-טֶען, 5-טֶען טָאג קוּמְט דֶער פַּאצִיֶענְט צוּם עֶרְשְׁטֶען מָאל צוּם דָאקְטָאר. דֶער לֶעטְצְטֶע גִיבּט אִיהם פֶערשִׁידֶענֶע הִיגִיֶענִישֶׁע אוּנ דִיעטֶאטִישֶׁע פָארשְׁרִיפְטֶען אִיהר לֵייעֶנְט אָבֶּער אוֹיפ'ן גֶעזִיכְט פוּן פַּאצִיֶענְט, דָאס עֶר אִיז אוּנצוּפְרִידֶען.

– "שְׁטַייטְשׁ, הֶערְר דָאקְטָאר, וְהָעִיקָר שְׁכַחְתֶּם, אִיהר ווִילְט מִיךְ קוּרִירֶען גָאר אָן "אַיינְשְׁפְּרִיטְצוּנְגֶען"? דַאבַּיי דֶענְקְט עֶר, דָאס דֶער דָאקְטָאר ווִיל פֶערלֶאנגֶער'ן זַיין קְרַאנְקְהַייט, פַּיעל קְרַאנְקֶע פוּן הָמוֹן-עַם אוּנ זָאגַאר פוּן הָאבֶערֶע קְלַאססֶען זַיינֶען

אַיינגעבילדעט, דאס די דאקטוירים פערלענגער׳ן די ווענערישע קראנקהייטען. ווי קומט דער עולם אויף אַזא איינפאלל?

מיר האבען געזעהען אז געגען טריפפער קענען מיר קיינע מיטטלען וועלכע זאלען גלייך אויסקורירען די קראנקהייט אין די ערשטע טאג. מיר קענען אויך ניט זאלכע מיטטלען, וועלכע זאללען בעשטימט אויסקורירען שפעטער; ביי איינעם דויערט דער טריפפער 6—8 וואכען, ביי דעם 2-טען 3 מאנאט, ביי דעם 3-טען א יאהר אונ מעהר. דאריבער דענקט דאס פובליקום דאס די דאקטוירים פערלענגער׳ן די קראנקהייט, אבער דאס איז על פי רוב שקר וכזב. דער דאקטאר האט דאך געשוואוירען, ער זאלל נור שטרעבען דען פאציענט געזונד צו מאכען, דער דאקטאר האט דאך א געוויסען.

מיט איינינע מאנאט פארהער איז געקומען צו מיר א פאציענט, אם אנפאנג פון קראנקהייט אויפ׳ן 5-טען טאג. איך האב איהם פעראָרדנעט, ווי ער זאלל זיך פיהרען היגיעניש אונ דיעטעטיש, ווי עס וואר שוין אויבען בעשריבען.

— הערר דאקטאר, איינשפריטצונגען? זאגט ער צו מיר אונ האט משונהדיג אויסגעגלאצט אויף מיר די אויגען.

— יעצט דארף מען עס ניט. האב איך איהם געאנטווערט.

— „אזא ביטטערע קראנקהייט אונ איהר, דאקטאר, קורירט עס זא קאלטבלוטיג, טהוט א טובה פערשרייבט מיר די רויטע מעדיצין.

איך האב איהם ניט פערשריבען ניט רויטע ניט געלבע מעדיצין, אבער מיין פאציענט איז א גרויסער עקשן אונ איז

גֶעגַאנְגֶען זוּכֶען אַ דָאקְטָאר , וָואס זָאלל אִיהם גְלַייךְ אַיינשְׁפְּרִיטְ־צוּנְגֶען גֶעבֶּען ·

אֵיינֶע פוּן אֶפְטֶע קָאמפְּלִיקַאצְיָאנֶען (פֶּערוִויקְעלוּנְגֶען) קָאמְפְּלִיקַאצְיָאן אִיז אַ מִין צוּצֶעפֶּענֶעם צוּ אַ גֶעוִויסֶער קְרַאנְקְהַייט כְּרוֹמֶה בַּיי סְקַארְלַאטִינֶע טְרֶעפֶען מִיר אַלְם קָאמְפְּלִיקַאצְיָאן נִירֶען - עֶנְטצִינְדוּנְג, בַּיי אִינְפְלוּעֶנְצַא אָהֶרֶען (עֶנְטצִינְדוּנג) בַּיי טְרִיפֶּפֶער אִיז גֶעוֶואהֶנלִיךְ דִי נֶעבֶּענְהָאדֶען - עֶנְטצִינְדוּנְג אִין воспаленіе придатка яичка , zapalenie "przyjądrza,, זֶעלְטֶענֶען פַאללֶען וֶוערֶען בֵּיידֶע נֶעבֶּענְהָאדֶען גֶעשְׁוָואלֶען אוּנ שְׁמֶערְצְען, גֶעוֶואהְנְלִיךְ נוּר אֵיינֶער ; וֶוען בֵּיידֶע נֶעבֶּענְהָאדֶען וֶוערֶען עֶנְטצִינְדֶעט, קוּמְט דֶער קְרַאנְקֶע אָפְט (אָבֶּער נִיט אִימֶער) דַאצוּ, דָאס עֶר אִיז מֶעהר נִיכְט פָאהִיג , קִינְדֶער צוּ [illegible] רֶען (זַיינֶע זָרַע עֶנְטהַאלְט נִיכְט דֶען וִויכְטִיגְסטֶען טְהֵייל (סְפֶּערְמַאטָא־זָאאִידֶען) אָהן וֶועלְכֶע דִי פְרוֹי קֶען נִיט מְעוּבֶּרֶת וֶוערֶען)–וִוי פֶערְהִיט מֶען זִיךְ פוּן דִיעזֶער שְׁוֶוערֶער קָאמְפְּלִיקַאצְיָאן ? דֶער קְרַאנְקֶע זָאלל נִיט טַאנְצֶען , זָאלל נִיט שְׁפְּרִינְגֶען, נִיט רייטֶען, נִיט פָאהְרֶען אוֹיף אַ וָואגֶען, אוֹיף אַ וֶועלָאסִיפֶּעד , נִיט שְׁוִוימֶען, נִיט זִיךְ גִימְנַאסְטִיקִירֶען, נִיט רַאנְגֶעלֶען זִיךְ · א. ד. ג.

אָבֶּער דֶער וִויכְטִיגְסְטֶע מִיטֶטעל גֶעגֶען נֶעבֶּען - הָאדֶען - עֶנְטצִינְדוּנְג אִיז אַ סוּספֶּענְסָארִיוּם, (מֶען בֶּעקוּמְט דָאס צוּ קוֹיפֶען גֶעוֶואהְנלִיךְ בֵּיי אַ אָפְּטִיק , אָדֶער אוֹיךְ אִין אַפְּטֶעק (אַפְּטֶעצְנֶע סְקְלַאד) . דָאס אִיז אַ זֶעקֶעל מִיט שְׁלֵייקֶעס גֶעמַאכְט זוֹי דָאס אִין זֶעקֶעל לֵייגְט זִיךְ אַיין דֶער כִּים מִיט דִי בֵּיצִים אוּנ דִי שְׁלֵייקֶעס צוּגֶעשְׁפִּילֶעט פוּן הִינְטֶען , כְּדֵי דֶער זֶעקֶעל זָאלל זִיךְ גוּט הַאלְ־טֶען · אַם בֶּעסְטֶען . אִיז צוּ קוֹיפֶען „לַאנְגלֶעבֶּערְטס סוּסְפֶּענְסָארִיוּם" עֶר קָאסְט עֶטְוַואס טְהַייעֶרֶער, אָבֶּער עֶר אִיז אוֹיסגֶעבֶּעט מִיט

וואַטע אונ מיט אַ צערַאטֶקע ; דען סוּספֶּענסאָריום טראָגט מען דען גאַנצען טאָג אונ בּיי נאַכט מאַנאַטען לאַנג, בּיז דער טריפּפּער קורירט זיך אויס .

נאָך אַ מאָל ווידערהאָלען מיר, דאס ווי באַלד דער קראַנקער דערוויסט זיך פון זיין קראַנקהייט (טריפּפּער) זאָלל ער גלייך אַ סוספּענסאָריום אָנציהען, ווען ניט, קען ער לייכט בּעקוממען די נעבּענהאָדען ענטצינדונג. דאס סוספּענסאָריום זאָלל ניט קוועטשען אין קיין פּונקט, דאָך זאָלל עס ניט הייגען גלאַט אין דער וועלט אַריין, עס זאָלל גוט אונטערהאַלטען דעם כּיס. חרפּה ובושה אָן אַ זייט : דער קראַנקע זאָלל זיך לאָזען אַ מאָס נעמען פון באַנדאַזיסט, ער זאָלל איהם גוט צופּאַססען ; אין אַ קליינע שטאָדט וואו עס איז ניטאָ קיין באַנדאַזיסט קען מען קויפען אַ פערטיגען אין אַ אַפּטעק אונ זיך צופּאַססען, איבּער־זעטצען די קנעפּ פון די שלייקעס א. ד. ג. (גענוי איבּער די נעבּענהאָדען פון אייפּרידאטאַק ווירד שפּעטער געשפּראָכען ווערדען) .

טרינקען זאָלל דער טריפּפּער־קראַנקע ריינע וואַססער, ער זאָלל נור לעשען זיין דורשט, אָבּער ער זאָלל ניכט טרינקען צו פיעל, דען איינינע געלעהרטע האָבּען בּעמערקט דאס דאס אָפטע אורין לאָזען ווירקט ניט גוט אויף די קראַנקהייט.

בּעפאָר מיר וועלען שפּרעכען איבּער די מעטאָדישע *) קוראַציאָן מיט אָרט־מיטלען (איינשפּריטצונגען אין אורין־קאַנאַל)

---

*) מעטאדיש עטוואס דורכפיהרען הייסט לאנגזאם אונ מיט א געוויססען סדר (ארדנונג) .

און מִיט אִינגֶערְלִיכֶע מִיטְלֶען, וֶועלְכֶע גֶעהֶען אַרוּים פוּן מֶענְשׁ־לִיכֶען קֶערְפֶּער צוּזַאמֶמֶען מִיט דִי אוּרִין און מַאכֶען אַגֶעוִויסֶע ווִירְקוּנְג אוֹיף דִי סְלוּזְהַייטֶעל פוּן אוּרִין־קַאנַאל, מַאכֶען מִיר בָּען לֶעזֶער אוֹיפמֶערְקזַאם אוֹיף אַיינֶע זֶעהר ווִיכְטִינֶע זַאךְ וֶוען דֶער קְרַאנְקֶע זָאלל אַרִיבֶּער־טְרָאגען עֶטְוואס אַייטֶער אִין אויג. און דָאס קֶען לַייכְט גֶעשֶׁעהֶען און עֶס טְרֶעפְט נִיט זָא זֶעלְטֶען: גְלַייךְ ווִי דֶער קְרַאנְקֶע שְׁטֶעהט אוֹיף פוּן שְׁלָאף טַאפְּט עֶר מִיט דִי פִינְגֶער דֶען גְלִיעד „ווִי הַאלְט עֶס? ווִי זֶעהט אוֹיס דִי אַייטֶער? אִיז דִי אֶפְּפנוּנְג צוּנוֹיף גֶעצוֹיגֶען, צוּגֶעקְלֶעבְּט פוּן דִי אַייטֶער? מִיט דִיזֶעלְבֶּע נִיט גֶעוואַשֶׁענֶע פִינְגֶער רַייבְּט עֶר אוֹיס דִי אוֹיגֶען ווִי עֶס טְהוּעֶן אָפְּט פִיעל מֶענְשֶׁען פוּן גֶעוואָהְנְהֵייט, וֶוען זֵיי שְׁטֶעהֶען אוֹיף פוּן שְׁלָאף) און דַאן קֶען עֶר זִיךְ דָאס גְרֶאסְטֶע אוּנגְלִיק מַאכֶען, עֶר קֶען בְּלִינְד וֶוערֶען; שׁוֹין אִין 2—3 טֶאג אַרוּם בֶּעקוּמְט עֶר אַ שְׁרֶעקְלִיכֶע עֶנְטְצִינְדוּנְג פוּן דֶער פֶערְאַיינִיגֶענְדֶער הַייטֶעל פוּן אויג (соединительная оболочка, łącznica) וֶועלְכֶע קֶען אִיבֶּערְגֶעהֶען אוֹיף דִי אִיבֶּערִיגֶע טְהֵיילֶען פוּן אויג. נוּר דוּרְךְ זָארְגְפֶאלְטִיגֶע קוּרַאצְיָאן פוּן אַ סְפֶּעצְיַאלִיסְט ד. ה. פוּן אַ אָקוּלִיסְט (אַ אוֹיגֶען־דָאקְטָאר) אָדֶער פוּן אַ פְּרַאקְטִישֶׁען אַרְצְט, קֶען עֶר אִין אַיינִיגֶע וָואכֶען אִין גַאנְצֶען גֶעזוּנְד וָוערֶען, אָבֶּער וֶוען עֶר זָאלל פֶערלָאזֶען דִי קְרַאנְקְהַייט, קֶען עֶר בְּלִינְד וֶוערֶען, אַלְזָא יֶעדֶעס מָאל וֶוען דֶער קְרַאנְקֶע רִיהְרְט זִיךְ אָן אָן גְלִיעד, זָאלל עֶר דִי הֶאנְד גוּט און זָארגְפֶאלְטִיג אָבְּוואַשֶׁען מִיט וַואסֶער און זֵייף, אוֹיבּ מֶעגְלִיךְ אוֹיךְ מִיט 5% קַארְבָּאל וַואסֶער, אָדֶער מִיט סוּבְּלִימַאט לֶאזוּנְג (1 : 3000).

.IV

די מֶעטָאדִישֶׁע קוּרַאצְיָאן.

1) אַיינשְׁפְּרִיטְצוּנְגֶען.

אין דֶער קְלִינִיק פון פְּרָאפֶּעסָאר נַיימַאן אִין ווִיעֶן וֶוערְדֶען אַיינשְׁפְּרִיטְצוּנְגֶען גֶעמַאכְט נור נָאךְ אַבלויף פון די עֶרְשְׁטֶע צְוַויי–דְרַיי וָואכֶען, וֶוענן די רֵייצֶערשַׁיינוּנְגֶען זִינְד פֶערשְׁוואוּנְדֶען. וֶוען די מַאטֶעריֶע וֶוערְד דינפְלִיסִיג (שִׁיטֶער) אוּנ וַוייסְלִיךְ. וֶוען דֶער קְרַאנְקֶע זָאלל אָבגֶעבֶּען אוּרִין אִין 2 פָּארצְיָאנֶען, ד. ה. די עֶרְשְׁטֶע הֶעלְפְט אִין אֵיין גְלָאז אוּנ די צְוַוייטֶע הֶעלְפְט אִין אַ צְוַוייטֶע גְלָאז אוּנ אויב אִין 2-טֶען גְלָאז זֶעהט שׁוֹין אוּיס די אוּרִין כִּמְעַט קְלָאר זָאלל עֶר אָנפַאנגֶען אַיינשְׁפְּרִיטְצוּנגֶען צו מַאכֶען.

מִיר הָאבֶען שׁוֹין גֶעשְׁפְּרָאכֶען דַאפָאן, דָאס אַם אַנפַאנְג פון קְרַאנְקהַייט זִיצְט די עֶנְטצִינְדוּנְג גְלַייךְ הִינְטֶער דֶער אֶפּפְנוּנְג פון אוּרִין–קַאנַאל אוּנ דֶער טְהֵייל שְׁמֶערְצְט אוּנְד וִוירְד גֶעשְׁוָואלֶען.

יֶעטְצְט שְׁטֶעלְט זִיךְ פָאר, דַאסס מִיר בֶּענוּצֶען אַ שְׁפְּרִיטְצֶע מִיט אַלַאנְגֶען סְנוֹיץ, דַאן גֶעהט די שְׁפְּרִיטְצֶע גֶענוּג טִיעף אִין קַאנַאל אוּנ גִיסְט אוּיס אִיהר אִינהַאלְט נִיט אִין אַנפַאנְג פון קַאנַאל וואוּ די קְרַאנְקהַייט זִיצְט, נור אִין אַ טִיעפֶערֶע שְׁטֶעללֶע.

דֶער שְׁפִּיץ פון דֶער שְׁפְּרִיטְצְקֶע זָאלל נִיט זַיין דִין אוּנ שַׁארְף, דֶען מִיט אַזַא שְׁפְּרִיטְצֶע מַאכְט מֶען זִיךְ שְׁמֶערְצֶען אִין קַאנַאל, מֶען קֶען זִיךְ אוּיךְ דַאמִיט מַאכֶען קְלֵיינֶע וואוּנְדֶען אוּנ זָאגַאר די סְלוּזהַייטֶעל פון קַאנַאל קֶען נָאךְ מֶעהר גֶעשְׁוָואלֶען

װערדען. דאס בעסטע זיינען גלאזערנע שפריטצקעס, אדער פון הארטען גוממי, זייער ענדע זאלל זיין א ברייטע, זאלל זיין אליװענארטיג.



א שלעכטע שפריטצקע. גוטע שפריטצקעס.

מען דארף אכטונג געבען דאס אין קאנאל זאלל װירקליך קומען מעדיצין פון שפריטצקע, אבער ניט לופט, װאס קומט פאר אוממער, װען מיר זאלען אויף דערויף ניט מערקען; װען די פליססיגקייט איז שוין אריינגעצויגען אין שפריטצקע, האלטען מיר די שפריטצקע מיט דעם שנויטץ אין דער הויך און דריקען עטװאס אויף דען דריקער (טלאק) זא, דאסס איינינגע טראפפען מעדיצין גיעסען זיך אויס, מיט די ערשטע טראפען מעדיצין געהט ארויס די לופט, נאכהער זעטצט מען אריין דאס ענדע פון שפריטץ אין אורין-קאנאל, זא, דאס די אפפנונג פון קאנאל דעקט צו אין גאנצען דאס ענדע פון שפריטצקע, יעטצט קװעטשט מען צו מיט דעם גרויסען און צװייטען פינגער די אפפנונג פון קאנאל צו דער שפריטצקע און מען שפריצט פאמע-לעך די פליססיגקייט אין אורין-קאנאל.

אם אנפאנג קראנקהייט איז גענוג זעהר װעניג פליססיגקייט אײנצושפריטצען (איין האלבע, איין פערטעל שפריטצקע).

עס גיבט זעהר פיעל פערשידענע מעדיצינען, מיט װעלכע

מִיר קוּרִירֶען אַטְרִיפּפֶּער אוּנ זֵייעֶר צָאהל וַואקְסְט פוּן טָאג צוּ טָאג. מִיר שְׁרַייבֶּען נִיט אוּיס דִי מִיטְלֶען, דֶען 1) דָאס בִּיכְלֵיין אִיז צוּ קְלֵיין דַאצוּ, אוּנ 2) דֶער קְרַאנְקֶע וָואלְט נִיט גֶעוואוּסְט וֶועלְכֶען מִיטֶעל עֶר זָאלל אוּיסוָואהְלֶען; דִיעזֶעס וֶוערְק צֵייגְט נוּר דֶעם לֶעזֶער הִיגִיעֶנִישֶׁע כְּלָלִים, אָבֶּער בֶּעשֶׁעפְטִיגְט זִיךְ נִיט מִיט פְּרָטִים פוּן קוּרַאצְיָאן; דִיעזֶעס, ווִי עֶס פֶערְשְׁטֶעהט זִיךְ, אִיז דָאךְ שְׁוֶוער אוּיסצוּשְׁטוּדִירֶען פוּן אֵיין בּוּךְ. וֶועלְכֶע אַפּטֶעצְנֶע מִיטֶעל דֶער קְרַאנְקֶע בְּרוּיכְט (אוּנ אִין יֶעדֶער צֵייט פוּן קְרַאנְקְהֵייט, אַם אַנפַאנְג, אַם עֶנְדֶע א. ז. וו. בְּרוּיכְט עֶר אַנְדֶערֶע מִיטְלֶען), ווִירְד אִיהם אַ דָאקְטָאר זָאגֶען, מֶען דַארְף אוּיךְ גֶעדֵיינְקֶען דָאס אֵיין מִיטֶעל דַארְף מֶען נִיט בֶּענוּטְצֶען אַ צוּ לַאנְגֶע צֵייט, דֶענְן דִי סְלוּזְהַייטֶעל ווִירְד גֶעווֵיינְט צוּ דִיעזֶעם מִיטֶעל אוּנ עֶר ווִירְקְט שׁוֹין נִיט מֶעהר.

אַם בֶּעסְטֶען אִיז, דֶער פַּאצְיֶענְט זָאלל זִיךְ בֶּערַאטְהֶען בַּיי אַ דָאקְטָאר, דַאן זָאלל עֶר קוֹיפֶען אַ שְׁפְּרִיטְצְקֶע, עֶר זָאלל יֶעטְצְט דִי חֶרְפָּה לָאזֶען אָן אַ זַייט אוּנ זָאלל זָאגֶען דֶעם אָפְּטִיק אָדֶער דֶעם אַפְּטֵייקֶער, צוּ וָואס עֶר בְּרוּיכְט דִי שְׁפְּרִיטְצְקֶע, וֶוען עֶר קֶען עֶס נִיט זָאגֶען, זָאלל עֶר אַם מִינְדֶעסְטֶען צֵייגֶען זַיין דָאקְטָאר, אוּיבּ דִי שְׁפְּרִיטְצְקֶע אִיז גוּט, פַאר דֶעם שְׁפְּרִיטְצֶען זָאלל עֶר אָבְּגֶעבֶּען אוּרִין, כְּדֵי מִיט דִי אוּרִין צוּזַאמְמֶען זָאלל אַרוּיסגֶעהֶען דִי מַאטֶערְיֶע אוּנ דִי מֶעדִיצִין זָאלל ווִירְקֶען אוּיף דִי סְלוּזְהַייטֶעל גוּפָא, נַאכְהֶער זָאלל דֶער קְרַאנְקֶע אוּיסשְׁפְּרִיטְצֶען דֶעם קַאנַאל מִיט רֵיינֶע לוֹיֶע וַואסֶער אוּנ דַאן אַרַיין שְׁפְּרִיטְצֶען דִי מֶעדִיצִין.

דִי מֶעדִיצִין דַארְף בְּלַייבֶּען אִין קַאנַאל אֵייניגֶע סֶעקוּנְד אָדֶער מִינוּט ווִי דֶער דָאקְטָאר פֶּערָארְדְנֶעט אִין דֶער צֵייט וֶוען

מען נעמט ארוים די שפּריטצקע פון קאנאל וועט זיך די אריינגע־שפּריטצטע מעדיצין אויסגיסען. דעריבער מוז מען דאנן גוט צוהאלטען (צוקוועטשען) די עפּפנונג פון קאנאל מיט דעם גרויסען און 2-טען פינגער, כדי די מעדיצין זאלל בלייבען אין קאנאל איינגע סעקונד. דער קראנקער דארף ניט האבען קיין פּחד דאס די מעדיצין קען אריינקוממען אין פענחער. עקספּערימענטען (נסיונות) אויף א טרופּ ציינגען, דאסס נור אונטער א גרויסען דרוק קען מען איינשפּריטצען פליססיגקייט אין פענחער.

ווי מיר האבען געזעהען, זיטצט די קראנקהייט גלייך נעבען עפּפנונג, דעריבער איז גענוג ווענינ פליססיגקייט אונ שפּריטצען דארפען מיר לייכט (אן שטארקען דרוק) כדי די פליס־סינקייט זאלל ניט געהן ווייט.

די מעדיצין צום איינשפּריטצען דארף מען בייטען יע נאכדעם ווי עס זעהט אוים די מאטעריע, וועלכע געהט פון קאנאל. אין דיעזער הינזיכט קען נור א דאקטאר ראטה געבען, דעריבער, ווי געזאגט, קורירען זאלל עס א דאקטאר, אויב ניט, וועט דער פאציענט בעקוממען א כראנישען טריפּפּער. פון וועלכען איז פיהל שווערער זיך אויסצוקורירען ווי פון א שארפען טריפּפּער; די קוראציאן פון א כראנישען טריפּפּער דויערט אויך לאנגער.

נאך אבלויף דער ערשטען 3—4 טאגע, ווען די שמערצען האבען שוין עטוואס נאכגעלאזען אונ עס ערשיינט א גראסערער אויספלוס, קען דער קראנקע 3 מאל טעגליך נאך דעם עססען נעמען צו 15 טראפּפען קאפּאיווי באלזאם אויף געשטויסענע צוקער אין א אבלאטקע. די מעדיצין זאלל ער אויפהערען צו נעמען, ווען ער בעקוממט שלשול אדער איבערהויפּט א פערדאר־

בֶּענֶען מַאגֶען, וֶוען עֶר הָאט אַ קְרַאנֶקֶען מַאגֶען, זָאלל עֶר גָאר נִיט אַנפַאנְגֶען צוּ נֶעמֶען בַּאלְזַאם; אַנשְׁטַאדְט בַּאלְזַאם קֶען דֶער קְרַאנֶקֶע אויך נֶעמֶען 3 מָאל טֶאגְלִיך צוּ 3 טְרָאפֶּען אָצִישְׁצֶענֶע טֶערפֶּענְטִין אִין טְהֵיי אָדֶער אויף גֶעשְׁטוּסֶענֶע צוּקֶער.

---

2. אִינֶערְלִיכֶע קוּרַאצְיָאן.

מִיר מַאכֶען פֶערשִׁידֶענֶע אַיינְשְׁפְּרִיטְצוּנְגֶען (ד. ה. אויסֶערלִיכֶע מִיטְטְלֶען) דָאךְ עֶס אִיז שוין פָארִיבֶּער 5 בִּיז 6 וָואכֶען אוּנ דִי קְרַאנְקהייט אִיז נָאךְ נִיט אויסגֶעקוּרִירְט, דַאנן הָאבֶּען מִיר רֶעכְט צוּ דֶענֶקֶען דָאס דֶער טְרִיפֶּער הָאט מְשַׁנֶה מָקוֹם גֶעוֶועזֶען, אוּנ הָאט זִיךְ בֶּעזֶעצְט אִין דִי טִיעפֶערֶע הִינְטֶערְשְׁטֶע טְהֵיילֶען פוּן קַאנַאל.

גֶעוֶוֹאהְנְלִיכֶע אַיינשְׁפְּרִיטצוּנְגֶען אִין דֶען פָארדֶערְשְׁטֶען טְהֵייל פוּן קַאנַאל קֶענֶען דִי קְרַאנְקהֵייט נִיט אויסקוּרִירֶען אוּנ דַאנן גֶעבֶּען מִיר ווִידֶער דֶעם קְרַאנֶקֶען אִינֶערלִיכֶע מִיטְטְלֶען, וֶועלְכֶע וֶוערְדֶען אִים גְרֶאסְטֶען טְהֵייל עֶרוַוייטֶערְט פוּן אָרגַאנִיזְם (גוף) מִיט דִי אוּרִין, אוּנ דוּרךְ דִי אוּרִין ווִירֶקֶען זַיי הֵיילֶענְד אויף דִי סְלוּוזְהֵייטֶעל פוּן קַאנַאל.

צוּ דִיעזֶע אִינֶערְלִיכֶע מֶעדִיצִינֶען גֶעהֶערֶען פֶערשִׁידֶענֶע בַּאלְזַאמִישֶׁע מִיטְטְלֶען: בַּאלְזַאם קָאפַּאִיוִוי, פֶּערוּוִיאַנֶער בַּאלְזַאם, טַאלוּטַאנֶער בַּאלְזַאם, טֶערפֶּענְטִין–עֶהל, קוּבֶּעבָּאוֶוע פְּרוּכְט, אוּנ אֵיינִיגֶע רְפוּאוֹת, וֶועלְכֶע וֶוערֶען פֶּערפֶערטִיגְט פוּן דִי פְּפְלַאנְצוּנְג „מַאטִיקָא".

זעהר בענוטצט ווירד „באלזאם קאפּאיווי". דיעזעס מיטטעל ווירד שוין געברויכט 250 יאהר אין דער קוראציאן פון טריפּפּער, אונ דאס זעלבסט צייגט, דאס ער ברייננט געוויססע נוטצען. געוואהנליך בעקומט מען אין אפּטעק שוין פּערטיגע קאפּסולקעס מיט באלזאם קאפּאיווי, יעדע קאפּסולקע ענטהאלט 6 דעציגראמם אדער 9½ גראן, זאלבע קאפּסולקעס נעמט מען ביז 5 טאגליך; באלזאם קאפּאיווי האט א ווידריגען געשמאק, דאריבער איז עס בעססער צו נעהמען אין קאפּסולקעס אדער אין פּילען.

באלזאם קאפּאיווי בעשווערט דען מאגען, עס קומט אויך צום גרעבסען, נודענעס, ברעכען אונ צווייילען אויך צו שלשול; אורין גיבט אב דער פּאציענט מעהר אונ די אורין האט דאביי א געוויסען ריח, אנדערע באלזאמען האבען אויך א אונ־אנגענעהמען געשמאק, אונ זייער ווירקונג אויף דען אורין־קאנאל איז ניט זא זיכער ווי פון באלזאם קאפּאיווי. אין דיעזער שטעללע פינדע איך פיר נעטהיג מזהיר זיין די פּאציענטען זיי זאלען זעלבסט אהן א דאקטאר זיך ניט קורירען מיט באלזאמישען מיטטלען, דענן די מיטטלען ווירקען שטארק אויף די ניערען אונ דער פּאציענט וועלכער איז ניט גענוג פּארזיכטיג, קען בעקומען א ניערען־ענטצינדונג (דאס איז זעהר א שווערע קראנק־הייט) דאנן בעקומט דער קראנקע שמערצען אין קרייץ, מען דרינגענעס צו אורין אבגעבען אונ זאגאר פיבער.

באלזאם קענען נעהמען נור לייטע מיט א געזונדען מאגען. דער קראנקע קען עס זעלבסט ניט וויססען אויב זיין מאגען איז אין גאנצען געזונד, דאריבער זאלל ער קיין מאל ניט נעהמען פערשידענע באלזאם־מיטטלען, וועלכע ווערען רעקלאמירט

(שטארק געלויבט) אין פערשידענע צייטונגען אהן דאקטארס ראטה.

עס גיבט פערשידענע קאמישע (צום לאכען) מיטלען געגען טריפפער; זא אין פיעל שטעללען גלויבט מען, דאס די בעסטע רפואה איז זיין מיט אמעוברת׳ע פרוי. דער קראנקע ווירד ביי זיין קראנקהייט בלייבען, די קראנקהייט ווירד זיך נאך פערערגער׳ן, דענן ווי מיר ווייסען, דארף דער קראנקער ניט זיין מיט פרויען. די ענטצינדעטע סלוזהייטעל פון קאנאל מוז אין רוהע בלייבען; די צווייטע פעולה פון אזא משוגענע קוראציאן ווירד זיין, דאס די פרוי ווירד מיט א טריפפער אנגעשטעקט און דאס קינד ווירד געבארען ווערען מיט אויגען ענטצינדונג פון וועלכער עס קען בלינד ווערען.

אנדערע „קאוואלעס״, „קאנאוואלען און „זנאכארעס״ ראטהען „פערזויפען״ „איבערטרינקען״ דען טריפפער מיט ביער, בראנפען; דאס איז ווירקליך א גרינגע רפואה, אבער וואס קומט ארויס דאפאן? די קראנקהייט פערערגערט זיך, די סלוזהייטעל פון קאנאל ווערד פון דעם ניי שטארק ענטצינדעט און דער יונגער מאן מוז שטארק פאקוטעווען (חרטה האבען) זיינע לייבטזיניגקייט; ווער עס קורירט זיך מיט זאלכע זנאכארסקע מיטלען, בעקומט א כראנישען טריפפער, און מיר ווייסען דאס א כראנישען טריפפער איז פיעל שווערער אויסצוקורירען אלס א שארפען.

V. א כראנישער טריפפער

יעדע שארפע קראנקהייט פאנגט זיך אן פאסט פלוצלונג

ווי אַ געוויטטער אין אַ שטיללען פּיינעם טאָג. למשל אזוי פאַנגט זיך אָן לונגען–ענטצינדונג: נעכטען האָט דער קראַנקע געאַרבייט, היינטע ליגט ער צו בעט מיט גרויסען פיבער, אטהמעט אָפּט, דאָס הערץ קלאַפּט אויך אָפּטער, דער קאָפּ שמערצט, אין די פּלייצעס, אין די זייטען שטעכט. די סבה פון אַ שאַרפער קראַנקהייט זיינען אם מייסטען גרזיבקעס: באַציללען, וועלכע זעהען אויס ווי פּאָדען, אָדער קאַקקען, וועלכע זעהען אויס ווי פּונקטען; זאָ ביי אַ שאַרפען טריפּפער זיינען שולדיג נייסערס גאָנאָקאָקקען, ביי לונגען–ענטצינדונג ווייקסעלבוימ׳ס קאָקקען. שולדיג אין די שאַרפע קראַנקהייט קענען אויך זיין שטאַרקע חעמישע מיטטעל, כּדומה פון פיעל ספּירטוס טרינקען, אָדער פון לויג פון שוועפּעלזויערע בעקוממען מיר אַ שאַרפע ענטצינדונג פון מאָגען.

אַנדערע סבות פון שאַרפע קראַנקהייטען זיינען מעכאַנישע צ"ב אַ שטאַרקער זעץ אָדער אַ פערוואונדונג אין געגענד פון די ניערען קען בריינגען צו אַ שאַרפע ניערען–ענטצינדונג. אַ שאַרפע קראַנקהייט געהט געוועהנליך מיט גרויסע שמערצען און מיט היטץ זאָ, דאָס זי בלייבט ניט אָהנע ווירקונג אויף דעם אַלגעמיינען צושטאַנד פון אָרגאַניזם.

אַ שאַרפע קראַנקהייט דויערט געוועהנליך אַ קורצע צייט פון 3 טאָג ווי אינפלוענצא, ביז 8—10 וואָכען ווי בויך–טיפוס. אַ שאַרפע קראַנקהייט ענדיגט זיך מיט פאָללער גענעזונג, ווי אינפלוענצא, זעלטענער שטאַרבט דער קראַנקע, ווי ביי חליירע, דיזענטעריע, דיזומא, אָבער זעהר אָפּט ווערד ניט דער קראַנקע אין גאַנצען געזונד און די קראַנקהייט ווערד אַ כראָנישע. (כראָנאָס הייסט אים גריעכישען „צייט") ד. ה. ציהט זיך מאָנאַטע, יאָהרע לאַנג:

וָוא פון אַ שאַרְפֶען מאַגֶען–קאַטאַר בֶּעקוּמְט אָפְּט דֶער קְרַאנְקֶע אַ כְרָאנִישֶׁען מאַגֶען–קאַטאַר, פון אַ שאַרְפֶען נאַזֶען–קאַטאַר, וֶועלְכֶער ווִידֶערהָאלט זִיךְ אָפְּט, בִּילְדֶעט זִיךְ אַ כְרָאנִישֶׁער קאַטאַר.

אוּנ וָוא זֶעהֶען מִיר, דָאס אַ כְרָאנִישֶׁע קְרַאנְקְהַייט בִּילְדֶעט זִיךְ אָפְּט פון אַ שאַרְפֶער קְרַאנְקְהַייט.

בַּיי אַ שאַרְפֶער קְרַאנְקְהַייט, ווִי מִיר הָאבֶּען גֶעזֶעהֶען, ווִירְקְט דִי סִבָּה אַ קוּרְצֶע צַייט (לְמָשָׁל פון 3—4 גְלֶעזֶלִיךְ רֵיינֶע סְפִּירִיטוּס קֶען מֶען בֶּעקוּמֶען גְלַייךְ אַ שאַרְפֶען מאַגֶען–קאַטאַר), בַּיי אַ כְרָאנִישֶׁע קְרַאנְקְהַייט ווִירְקְט דִי סִבָּה אַ לֶאנְגֶערֶע צַייט, כְּדוֹמֶה אֵיינֶער טְרִינְקְט יֶעדֶען טָאג זָאנַאר נִיט פִיעל סְפִּירִיטוּס, אָבֶּער דָאךְ חַאפְּט עֶר אִיבֶּער דִי מָאס; אַם אַנְפַאנְג בֶּעמֶערְקְט עֶר גָאר נִיט קֵיין שִׁינוּי שוּם אִין מאַגֶען, אִין אַנְדֶערֶע אֵבָרִים, אָבֶּער עֶס גֶעהֶען פְּארבַּיי מְאנַאטֶע, אַ מָאל יָאהְרֶען אוּנ דַאנְן בֶּעמֶערְקְט דֶער קְרַאנְקֶע, דָאס עֶר הָאט דֶען אַפֶּעטִיט פֶערְלָארֶען, עֶר פֶערְדַייט נִיט גוּט דָאס עֶסֶען, דִי לֶעבֶּער פֶערְגְרֶעסֶערְט זִיךְ, דֶער קְרַאנְקֶע ווִירְד אוּנְטֶערְגֶעזוּכְט פון אַ דָאקְטָאר אוּנ עֶס צֵייגְט זִיךְ, דָאס עֶר הָאט בֶּעקוּמֶען אַ כְרָאנִישֶׁען מאַגֶען–קאַטאַר, אַ מָאל אוֹיךְ אַ כְרָאנִישֶׁע לֶעבֶּער עֶנְטְצִינְדוּנְג; כְרָאנִישֶׁע קְרַאנְקְהַייטֶען גֶעהֶען גֶעווֶאהְנְלִיךְ אָהְנֶע פִיבֶּער אָהְנֶע שְׁטַארְקֶע שְׁמֶערְצֶען, דָאס אִיז גֶעזָאגְט בִּכְלַל, אָבֶּער מִיר בֶּעמֶערְקֶען פֶערשִׁידֶענֶע אוֹיסְנַאמֶען.

וָוא גִיעבְּט עֶס שאַרְפֶע קְרַאנְקְהַייטֶען בַּיי ווֶעלְכֶע פִיעבֶּער פֶעהְלְט (כְּדוֹמֶה בַּיי אַ שאַרְפֶען טְרִיפֶּפֶער אָהְנֶע פֶערוִויקְלוּנְגֶען פִיבֶּערְט נִיט דֶער קְרַאנְקֶע).

אַ כְרָאנִישֶׁער טְרִיפֶּפֶער עֶנְטווִיקֶעלְט זִיךְ אַם מֵייסְטֶען פון

אַ שַׁארְפֶען אָדֶער דורְךְ אַ צוּ עֶנֶערגִישֶׁע קוּר (שְׁטַארְקֶע אַיינ־שְׁפְּרִיטצוּנְגֶען) אָדֶער בַּארוּרְךְ דָאס דֶער טְרִיפּפֶּער־קְרַאנְקֶע אִיז בִּכְלָל אַ שְׁוַואכֶער מֶענְשׁ, אַ סְקְרָאפוּלִיצְנֶער, אַ שְׁווִינְדְזִיכְטִיגֶער א. ד. ג.

אַ כְּרָאנִישֶׁער טְרִיפּפֶּער קוּמְט אוֹיךְ בַּארוּרְךְ, דַאס דֶער קְרַאנְקֶע פֶּערנַאכְלֶאססִיגְט אַלֶע הִיגִיֶענִישֶׁע מַאסְרֶעגֶעל: טְרִינְקְט שְׁטַארְקֶע מַשְׁקָאוֹת, הָאט פֶּערְקֶעהְר מִיט פְרוֹיֶען.

מַאטֶערְיֶע גֶעהט נָאךְ פוּן אוּרִין־קַאנַאל, אָבֶער פִיעל וֶועניגֶער, וִוי בַּיי אַ שַׁארְפֶען טְרִיפּפֶּער, גֶעווֶעהְנְלִיךְ בֶּעמֶערְקְט דֶער קְרַאנְקֶע אִין גְלָאז, אִין וֶועלְכֶער עֶר לָאזְט אוּרִין פֶאדֶען (פֶאדִים), וֶועלְכֶע בֶּעשְׁטֶעהן פוּן מַאטֶערְיֶע, זֶעהר אָפְט בֶּעפִינְדֶען זִיךְ דִי טְרִיפּפֶּער פֶאדֶען אִין אוּרִין וֶועלְכֶע דֶער קְרַאנְקֶע גִיט אָפּ אִין דֶער פְרִיה, אָפְט בֶּעמֶערְקְט מֶען דָאס דִי לִיפֶּען פוּן גְלִיעד זַיינֶען צוּנוֹיף־גֶעקְלֶעבְּט, אַמָאל אַז דֶער קְרַאנְקֶע דְרִיקְט אוֹיפ׳ן גְלִיעד גֶעהט נָאךְ אַרוֹיס אַ טְרָאפֶּען שְׁלֵיים (סְלוּז).

בַּיי אַ כְּרָאנִישֶׁען טְרִיפּפֶּער זִיטְצְט דִי קְרַאנְקְהַייט אִין הִינ־טֶערְשְׁטֶען טְהֵייל פוּן אוּרִין־קַאנַאל, אוּם צוּ בֶּעקוּמֶען אַ טְרָאפֶּען מַאטֶערְיֶע. דְרִיקְט מֶען דֶען גְלִיעד פוּן זַיין הִינְטֶערְשְׁטֶען טְהֵייל בִּיז דֶער אֶפְּפְנוּנְג פוּן קַאנַאל. עֶס וַואר שׁוֹין גֶעזָאגְט, דַאס דֶען טְרָאפֶּען רוּפְט מֶען „בָּאנ־זְשוּר טְרָאפֶּען" „מִילִיטֶאר־טְרָאפֶּען", אַ כְּרָאנִישֶׁען טְרִיפּפֶּער רוּפְט מֶען אוֹיךְ הוּסַארֶען־טְרִיפּפֶּער.

אוֹיב דֶער כְּרָאנִישֶׁער טְרִיפּפֶּער הֵיינְגְט אָב פוּן אַ פֶּער־שְׁמֶאלוּנְג פוּן קַאנַאל (זִיהֶע וַוייטֶער), בֶּעמֶערְקֶען מִיר פֶּערשִׁידֶענֶע שְׁטֶערוּנְגֶען בַּיים אוּרִין־לָאזֶען. דֶער שְׁטְרָאם פוּן אוּרִין אִיז אַ שְׁוַואכֶער אוּנ טְהֵיילְט זִיךְ אוֹיף אֵיינִיגֶע טְהֵיילֶען ד. ה. רַייסְט

זיך איבער אין מיטען, צווישען יעהט די אורין טראָפּען-ווייז, אויב אין קאַנאַל זיינען דאַ קליינע וואונדען, מישען זיך צו די טריפּפּער פּאַרען אויך בלוט.

דער הומאָר פון אַ כראָנישען טריפּפּער-קראַנקען ליידעט שטאַרק, דער קראַנקע ווערד היפּאָכאָנדריש גענויגען. ער לאָזט אורין אין אַ גלאָז און זוכט דאָרט טריפּפּער פּאַדען, נאָכ'ן אורין-לאָזען דריקט ער אויפ'ן גליעד ביז ער קוועטשט אַרויס אַ טראָפּען מאַטעריע.

עס טרעפט אָפט, דאַס דורך דיזע מעכאַנישע רייצונגען, דורך דאַס דריקען אויפ'ן גליעד האַלט זיך די קראַנקהייט זעהר לאַנג. אַ קראַנקער מיט אַ כראָנישען טריפּפּער ווירד זעהר לייכט אַנגעשטעקט מיט אַ נייעם שאַרפען טריפּפּער. די גראָסטע אונ-אַנגענעהמליכקייט וועלכע ערוואַרטעט ניכט אימער דען קראַנקען מיט אַ כראָנישען טריפּפּער, איז די פערשמאָלונג פון קאַנאַל, וועלכע קען קומען דורך אַ נאַרבע. די וואונדען אין קאַנאַל פער-ציהען זיך דורך נאַרבען און זאָ ווערד דער קאַנאַל שמאָלער.

שפּעטער וועלען מיר נאָך איין מאָל שפּרעכען איבער די פערשמאָלונגען פון קאַנאַל:

קודם כל דבר זוכען מיר וועלכע סבה האַלט אונטער די קראַנקהייט. אויב דורך אַ זאָנד (אַ קאַטעטער) זיינען מיר דער-גאַנגען, דאַס די סבה איז אַ פערשמאָלונג פון קאַנאַל, מוזען מיר זעהען ערווייטער'ן די פערשמאָלונג דורך גוממענע זאָנדען אָדער בוזי. אויב עס זיינען דאַ וואונדען אין קאַנאַל, מאַכען מיר טיעפע איינ-שפּריצונגען מיט צוזאַמענציהענדע מיטעל, כדי די וואונדען זאָלען זיך פערהיילען.

סוף כָּל סוף, וֶועט זִיךְ דֶער קְרַאנְקֶע גָאנְצְלִיךְ אויסקוּרִירֶען.

אַ כְּרָאנִישֶׁען טְרִיפֶּער אויסצוּקוּרִירֶען אִיז נִיכט לַייכְט, מֶען מוּז בֶּעזִיטְצֶען דַאצוּ אַ גֶעוִויססֶע קוּנְסְט, דַארִיבֶּער זָאלל אַ כְּרָאנִישֶׁען טְרִיפֶּער קוּרִירֶען נָאר אַ דָאקְטָאר.

אַיינֶע פוּן נִיט זֶעלְטֶענֶע קָאמְפְּלִיקַאצְיָאנֶען פוּן אַ טְרִיפֶּער אִיז דִי בְּלַאזֶעֶנְטצִינְדוּנג. מִיר הָאבֶּען גֶעזֶעהְן אַז אַם אַנְפַאנְג זִיצְט דֶער טְרִיפֶּער נוּר אִין פָאדֶערְשְׁטֶען טְהֵייל פוּן אוּרִין-קַאנַאל, נוּר שְׁפֶּעטֶער שְׁפַּאצִירְט אַרִיבֶּער דֶער טְרִיפֶּער-קַאטַאר אִין הִינְטֶערְשְׁטֶען טְהֵייל פוּן קַאנַאל אוּנ פוּן דָארְטֶען אוֹיךְ דִי בְּלַאזֶע; בַּיי בְּלַאזֶע-עֶנְטצִינְדוּנג מוּז דֶער קְרַאנְקֶע אַללֶע 5 10 מִינוּט אוּרִין לָאזֶען, עֶר גִיבְּט אָבּ נוּר אַיינִיגֶע טְרָאפֶּען אוּרִין מִיט גְרוֹיסֶע שְׁמֶערְצֶען אוּנ אַם עֶנְדֶע קוּמְט נָאךְ אַ טְרָאפֶּען בְּלוּט; אָפְט אִיז דִי אוּרִין גֶעמִישְׁט מִיט סְלִיז, עֶס קוּמְט אוֹיךְ פָאר דָאס דִי אוּרִין וֶוערְט אִין גַאנְצֶען פֶערהַאלְטֶען, דֶער קְרַאנְקֶע שְׁטְרֶענְגְט זִיךְ אַן, עֶר מוּטְשֶׁעט זִיךְ אָבֶּער עֶר קָען נִיט אָבּ גֶעבֶּען אַיין טְרָאפֶּען אוּרִין. דִי אוּרִין קְלַייבְּט זִיךְ אִין בְּלַאזֶע, דִי בְּלַאזֶע צִיהט זִיךְ פֶערנַאנְדֶער אוּנ עֶררַייכְט בִּיזְן נַאבֶּעל (פּוּפְּאק). דֶער קְרַאנְקֶע פִיבֶּערְט, עֶר הָאט גְרוֹיס פַּחַד, דִי הוֹיט בֶּעדֶעקְט זִיךְ מִיט אַ קַאלְטֶען שְׁוֵויס, דֶעם קְרַאנְקֶען נוּדְזֶעט א. ד. ג. אוֹיבּ מֶען זָאלל דֶעם קְרַאנְקֶען נִיט הֶעלְפֶען צוּר צַייט קֶען זִיךְ צֶערְרַייסֶען דִי בְּלַאזֶע, דִי אוּרִין גִיסְט זִיךְ אוֹיס אִין בּוֹיךְ אוּנ דִי גֶעשִׁיכְטֶע עֶנְדִיגְט זִיךְ זֶעהר שְׁלֶעכְט.

אַם גְרֶעסְטֶען טְהֵייל בֶּעסֶערְט זִיךְ דִי קְרַאנְקְהֵייט (בְּלַאזֶע-

ענטצינדונג) שוין אין איניגע טאג ארום, אבער אים גאנצע
ווערט דער קראנקע גענעזען, נור ווען דער טריפפער ווירד
גאנצליך אויסקורירט.

די שארפע בלאזע ענטצינדונג דארף מען זארגפעלטיג
קורירען דען מיר ווייסען דאס יעדע שארפע קראנקהייט קען
איבערגעהן אין א כראנישע, וועלכע ציהט זיך מאנאטען אדער
יאהרען לאנג, דאביי פערקלענערין זיך די שמערצען אדער
פערשווינדען אין גאנצען, אבער די אורין איז מענטנע
(טריב) אונ האט א ריח רע.

ווי פערהיט מען זיך פון דיעזער קאמפליקאציאן ד. ה.
פון בלאזע ענטצינדונג? וועלכע סבות בריינגען צו דער קראנקהייט?
יונגע ביער אונ שאמפאניער–וויין קענען זיין די אורזאכע פון
א בלאזען–קאטאר, זאגאר ביי פאלקאם געזונדע מענשען, דעסטא
גיכער בעקומט א בלאזען–קאטאר דער אונפארזיכטיגע טריפפער-
קראנקע, וועלכער בענוטצט יונגע ביער, שאמפאניער אונ איבער-
הויפט משקאות. א בלאזען–קאטאר בעקומט אויך דער טריפפער-
קראנקע פון שטארקע איינשפריטצונגען (ד. ה. איינשפריטצונגען פון
שטארקע מעדיצינען) אין אורין–קאנאל, פון באלזאם מיטלען, פון
אקט מיט פרויען, פון שווערע פיזישע אנשטרענגונג. פון אללע
קראנקהייטען, וועלכע קענען זיך צוטשעפען צו טריפפער איז
דער בלאזע–קאטאר איינע פון די שווערסטע ווייל: 1) אפט
בריינגט ער שפעטער מיט ניערען ענטצינדונג. 2) מען זאל דען
בלאזע–קאטאר ניט גרינדליך אויסקורירען, בעקומט מען א כראנישען
קאטאר, וועלכען איז שווער אויסצוקורירען, 3) ביי דיעזער
קראנקהייט קומען פאר אויך העפטיגע שמערצען.

די קוראַציאָן. בײַ בְּלַאָזען־קאַטאַר דאַרף מען גלײַך אויפ־הערען צו מאַכען אײַנשפּריטצונגען אין קאַנאַל, צו דער בלאָזע (ד. ה. צום אונטערשטען טהייל פון בויך) דאַרף מען צולייגען וואַרעמע קאָמפּרעססען. דער קראַנקע זאָלל בלײַבען בײַ מילך־דיעט. משקאות, שטאַרקע טהיי, קאַווע איז שטרענג פערבאָטען. איהם איבעריגען דאַרף מען זיך בעראַטהען בײַם דאָקטאָר.

עס וואַר שוין געזאָגט דאָס דער בּלאָזע־קאַטאַר קען בּרײַנגען צו ניערען־ענטצינדונג. ווי געהט איבּער די קראַנקהײט פון בּלאָזע אין די ניערען? מיר ווייסען דאָס די אורין ווירד טהיילווייז פילטרירט פון די בּלוט אין די ניערען. טהיילווייז ווירד די אורין פּראָדוצירט אין די ניערען. אַלזאָ די ניערען קענען מיר פערגלײַכען צו אַ דיסטילאַציע אָדער אַ פּאַבּריק, וואו עס ווירד פערפּערטיגט אורין פון מאַטעריאַל, וועלכער ווירד אַם גראָסטען טהייל צוגעשטעלט פון בּלוט. יעצט אָבער מוז דאָס פּאַבּריצירטע די אורין, אַרויסגעפירט ווערען פון אָרגאַניזם (גוף), דאַצו דיענען די אורין־פיהרער (мочеточники moczowody) דורך וועלכע די אורין געהט אימער פון די ניערען אין בּלאָזע (די בּלאָזע איז אַ מין סקלאַד, וואו די סחורה בּלײַבּט אַ געוויסע צײַט ביז דער סקלאַד ווירד פול) פון בּלאָזע געהט די אורין דורכ'ן אורין־קאַנאַל אַרויס.

דער לעזער זעהט: מיר האָבען 2 סיסטעמען: די ערשטע איז ניערען, זאָ צו זאָגען די אורין־פּאַבּריק, די צווייטע סיסטעמע איז אַ עקספּאָרט־סיסטעם (זי דיענט נור דאַצו די אורין אַרויס צו פיהרען פון אָרגאַניזם). דאָס זײַנען די אורין פיהרער, דער פענחער, און דער אורין־קאַנאַל.

די טְרִיפֶּפֶּער – גִיפְט פִינְדֶעט זִיךְ צֹאם אַנְפַאנְג דָער קְרַאנְקְ-הַייט אִין פְארדֶערְשְׁטֶען טְהֵייל פון אורִין – קַאנַאל, שְׁפֶּעטֶער קֶען זִי זִיךְ אִיבֶּערטְרָאגֶען אִין הִינְטֶערְשְׁטֶען טְהֵייל פון קַאנַאל, פון דָארְט קֶענֶען גֶעיסֶפֶערְ'ס נָאנְאָקְאקֶקֶען, וֶועלְכֶע זַיינֶען דִי אורִינַאכֶע פון קְרַאנְקְהַייט, אַרִיבֶּער שְׁפַּאצִירֶען אִין בְּלַאזֶע (פֶּענְחֶער), פון בְּלַאזֶע גֶעהֶען זַיי וַוייטֶער אִין דֶער הויךְ דורְךְ דִי אורִין – פִיהְרֶער (אורִין – לֵייטֶער) אִין דִי נִיעְרֶען אונ – זָא בֶּעקומְט דָער קְרַאנֶקֶע נִיעְרֶען – עֶנְטצִינְדוּנְג. דֶער קְרַאנֶקֶע בֶּעקְלָאגְט זִיךְ אויף שְׁמֶערְצֶען אִין אונְטֶערְשְׁטֶען טְהֵייל פון חוט הַשֶּׁדְרָה (קְרַייץ); וֶוען מֶען דְרִיקְט מִיט דִי פִינְגֶער אויף דִיעזֶער שְׁטֶעל, וֶוערֶען דִי שְׁמֶערְצֶען נָאךְ גְרֶעסֶער, בַּיי נִיעְרֶען – עֶנְטצִינְדוּנְג אִיז פון גְרויסֶער וִויכְטִיגְקַייט דִי חֶעמִישֶׁע אונ מִיקְרָאסְקָאפִּישֶׁע אונְטֶערזוכוּנְג פון אורִין.

דָאס חֶעמִישֶׁע אַנַאלִיזִירֶען עֶנְטדֶעקְט בַּיי דִיעזֶער קְרַאנְקְהַייט אֵייוַוייס אִין אורִין. דָאס מִיקְרָאסְקָאפִּישֶׁע אַנַאלִיזִירֶען (ד. ה. דָאס אונְטֶערזוכֶען אונְטֶער אַ פֶערגְרֶעסֶער – גְלָאז וָואס פֶערגְרֶעסֶערְט בִּיז 500 — בִּיז 1000 מָאל) עֶנְטדֶעקְט בַּיי דִיעזֶער קְרַאנְקְהַייט צֶעלְלֶען (клѣтки, komòrki) וֶועלְכֶע שְׁטַאמֶען פון דִי נִיעְרֶען. (אִין אַללֶע גְרויסֶע שְׁטֶאדְט בֶּעשֶׁעפְטִיגֶען זִיךְ מִיט אַנַאלִיזִירֶען פון אורִין דָאקְטוֹרִים סְפֶּעצִיאַלִיסְטֶען, וֶועלְכֶע אונְטֶערזוכֶען גֶענוי דִי אורִין חֶעמִישׁ אונ מִיקְרָאסְקָאפִּישׁ. דָאס זִינְד דִי זָא גֶענַאנְטֶע לַאבָּארַאטָארִיֶען פִיר עֶרְצְטְלִיכֶע אונְטֶערזוכוּנְגֶען).

די וִויכְטִיגְסְטֶע קוֹמְפְּלִיקַאצְיָאן בַּיי נִיעְרֶען – עֶנְטצִינְדוּנְג אִיז שְׁטְרֶענְגֶע מִילְךְ דִיעֶט. אִין אַ צַייט פון אֵיין – צְווֵיי וָואכֶען דַארְף דֶער קְרַאנֶקֶע נור מִילְךְ טְרִינְקֶען; פֶערשִׁידֶענֶע קְלֶעיק, זוּפֶּען,

קַאשְׁקֶע, קָאמְפָּאט אִיז אויךְ עֶרלויבְּט; שְׁטְרֶענְג פֶּערבָּאטֶען אִיז שְׁנַאפְּס, בִּיער, וַויין, שְׁטַארְקֶע טְהֵיי אונ שְׁטַארְקֶע קַאוֶוע.

נִיעֶרֶען עֶנְטצִינְדוּנְג אִיז זֶעהר אַ וִויכְטִיגֶע קְרַאנְקְהַייט אונ צוֹוַיילֶען אויךְ אַ גֶעפֶאהְרלִיכֶע; עֶס אִיז גֶעטְהִיג אַז אַ דָאקְטָאר זָאלל קוּרִירֶען דֶעם חולֶה.

דִי נַייסְטֶע ווִיססֶענְשַׁאפְטלִיכֶע אוּנְטֶערזוּכוּנְגֶען הָאבֶּען גֶע־צַייגְט, דָאס אַ כְּרָאנִישֶׁער טְרִיפְּפֶער אִיז דִי סִבָּה פוּן פִיעל פְרוֹיֶענ־קְרַאנְקְהַייטֶען.

יֶעדֶער יוּנְגֶער מַאן, וֶועלְכֶער לַיידֶעט אויף אַ שַׁארְפֶען אָדֶער כְּרָאנִישֶׁען טְרִיפְּפֶער אונ וִויל הֵייַראטֶען, זָאלל עֶר פְרִיהֶער זַיינֶע קְרַאנְקְהַייטֶען אויסקוּרִירֶען, אויב עֶר ווִיל נִיט דָאס זַיין פְרוֹי זָאלל קְרַאנְק וֶוערְדֶען.

דִי גֶעלֶעהְרטֶע דָאקְטוֹרִים אִין דֶער לֶעטְצְטֶער צַייט הָאבֶּען גֶעצַייגְט, דָאס פִיעל מִשְׁפָּחוֹת בְּלַייבֶּען קִינְדֶערלָאז (בֶּעזוֹנְדֶערְס) דוּרךְ דִיעזֶע קְרַאנְקְהַייט.

ווִי קוּמְט דָאס? מִיר הָאבֶּען שוֹין גֶעזֶעהֶען, אַז אֵיינֶע פוּן דִי פֶּערווִיקְלוּנְגֶען פוּן טְרִיפְּפֶער בַּיי אַ מַאנְסְפֶּערְזָאן אִיז דִי גֶעבֶּען-הָאדֶען עֶנְטצִינְדוּנְג; ווֶען דִי גֶעבֶּען-הָאדֶען עֶנְטצִינְדוּנְג אִיז גֶעווֶעזֶען אַ צְווֵייזַייטִיגֶע ד. ה. דֶער רֶעכְטֶע אונ דֶער לִינְקֶע גֶעבֶּען-הָאדֶע וַוארֶען עֶנְטצִינְדֶעט, דַאן פֶּערלִירְט דִי זֶרַע אִיהר ווִיכטִיגְסְטֶען בֶּעשְׁטַאנְדְטְהֵייל, דִי זָא גֶענַאנְטֶען סְפֶּערְמַאטָאזָא־אִידֶען, אוּנְטֶערֶען מִיקְרָאסְקָאפּ (פֶּערגְרֶעססֶער - גְלָאז) וָואס 500 מָאל פֶּערגְרֶעסֶערְט זֶעהֶען זַיי אוֹיס ווִי זֶעהר קְלֵיינֶע פֶּעדִים מִיט קֶעפְּלֶעךְ.

זָא דִי דָאקְטוֹרִים: לִיר, אַשֶׁער, נֶעיסֶער, בֶּערְג אונ

אנדערע האבען געפונען דאס פון 242 מאנער, וועלכע האבען איין מאל געהאט א צווייזייטיגע נעבען-האדען ענטצינדונג, נאערען 207 פון זיי קינדערלאז, ווייל אין זייער זרע וואַרען שוין ניט קיין ספערמאטאזאידען. די אונפרוכטבארקייט אין א פאמיליע, וואו דער מאן איז קראנק אויף א טריפפער קען אויך קומען דאפאן, ווייל די פרוי ווירד ליידער דורך דען קראנקען מאן אנגעשטעקט מיט פערשידענע פרויען-קראנקהייטען, ווי צום ביישפיל אייערשטאק ענטצינדונג (zapalenie jajnika, воспчаленie яичника) וועלכע שטערען, דאס די פרוי זאלל שוואנגער ווערדען.

די האדען און די נעבען-האדען זינד בעשטימט אויסצואַרבייטען זרע; זיי ליעגען אין כיס, די זרע געהט פון די האדען דורך קליינע קאנאלען אין זא גענאנטען נעבען-האדען-קאנאל, פון דיעזעם קאנאל געהט די זרע ווייטער דורך דען ברייטען זאמען-קאנאל וועלכער אפפענט זיך אין הינטערשטען טהייל פון אורין-קאנאל. נאך א נעבען-האדען ענטצינדונג קען דער חלל פון נעבען-האדען-קאנאל פערוואקסען, און דאנן בלייבט די זרע אויף דער שטעלע, וואו עס איז פראדוצירט געווארען און געהט ניט ווייטער, זא קען א צווייזייטיגע נעבען-האדען ענטצינדונג פיהרען צו קינדערלאזיגקייט.

די געוועבע פון די האדען בעשטעהעט פון זעהר קליינע ראהרען אדער קאנאלען. דאס זינד זאמען קאנאלען. אין די קינדער יאהר'ן און ביי אלטע מענשען ענטהאלטען די קאנאלען קלוז; ביי יונגע לייט, אויך ביי מענשען אין מיטעלע יאהרען, בעפינדען זיך אין די קאנאלען לאנגע פאדען, וועלכע מען רופט ספערמאטאזאידען און וועלכע זיינען דער וויכטיגסטע בעשטאנדטהייל פון זרע.

אויסער די סְפֶּערמַאטָאזאָאידֶען ענטהאלט נָאךְ די זַרע א מין אייוייס פְלִיסִסִיגקייט. די זרע וועלכֶע איז פֶאהיג צו בֶעפרוכטֶען א פרוי בעזיצט צְווֵיי אייגענשאפטען: זי מוז ענטהאלטען די זאמען־פֶאדען אָדער סְפֶּערמַאטָאזָאידֶען אונ נָאךְ אויסער דעם מוזען די סְפֶּערמַאטָאזָאידֶען לעבען ד. ה. זיי דארפען זיך בעוועגען. אויב די סְפֶּערמַאטָאזָאידען בעוועגען זיך נִיט, אונ זרע וועלכֶע איז עבען (ביז 2 שָׁעָה) ארוים פון אורין קאנאל, רופען מיר עס טויטע זרע. סְפֶּערמַאטָאזָאידֶען אין זייער בעוועגונג זעהען מיר אונטער א מיקראסקאפ, וועלכער פערגרעסערט פון 500 ביז 800 מָאל.

עס וואר שוין דערמאנט, דאס איינע פון די אונאנגענעהמע סְטֶע קאמפליקאציאנען (פֶערוויקעלונגען) איזט די געבען – האָדען ענטצינדונג. די ענטצינדונג קומט ווי אימער דורך די טְרִיפּפֶער גיפט, וועלכע געהט אריבער אם ענדע פון צווייטער וואךְ אָדער אין דער דריטער וואךְ פון הינטערשטען טהייל פון קאנאל אין געבען – האָדע (przyjadrze); געוועהנליך אין רעכטען אָדער אין לינקען, זעלטען אין ביידע, דאן ווירד דער כִּים אויף דער ענטשפרעכענדער זייט געשוואלען, דאבֵיי ליידעט אויך דער אללגעמיינע צושטאנד פון קראנקען ד. ה. דער גאנצער גוף. אם אנפאנג האט דער קראנקע דרעשעס (שיטטעל פראסט), דער קאפּ שמערצט, דער פולס שלאגט אָפט, נאכהער בעקומט דער קראנקע היטץ, ניט זעלטען וואמירט דער קראנקע אונ ליידעט אויף עצירות, דער געבענהאָדע ווערד שווער, שפּעטער פיהלט דער קראנקע שרעקליכע שמערצען אין א געוויסער העלפט פון כִּים (איבערהויפּט ביים שטעהן אונ געהן). דער קראנקע געהט איינגעבויגען אין דרייען, ער שטעלט פערנאנדער די פִּיס, אום ניט צו דריקען די געשוואלענע שטעללע.

די ענטשפרעכענדע העלפט פון כים ווערד איממער גראססער, עס ווערד גרוים ווי א פויסט.

שוין אים דריטטען אדער פיערטען טאג, האבען מיר דען האכסטען פונקט פון קראנקהייט, דען 5 אונ 6 טאג בלייבט די געשיכטע אין איין שטאנד, אבער שוין דען 10-טען טאג פאנגט אן די געשווילעכץ צוריק צו געהן, זי ווערט קליינער, די יסורים ווערען שוואכער, די הויט פון כים ווערלכע וואר פארהער גלאט אהן קיין שום פאלדען בעקומט ווידער איהרע געוואהנליכע פאלדען.

אבער דער נעבענהאדע בלייבט נאך א לאנגערע צייט פערגראססערט, האַרט אונ ביים דריקקען שמערצט עס, די קראנקהייט דויערט 15 ביז 20 טאג. ניט זעלטען דויערט זי לאנגער. די אונגעדולדיגע פאציענטען זאגען געוואהנליך אין דיעזען פאללען, דאס דער דאקטאר פערלאנגערט זייער קראנקהייט, אבער זא איינע שווערע בעשולדיגונג האט קיין גרונד.

דער עולם האט זיינע איינבילדונגען בנוגע צו דיעזער קראנקהייט; זא זאגט מען דאס די נעבענהאדען ענטצינדונג פיהרט צו שווינדזוכט; דאס איז אבער געזאגט גלאט אין דער וועלט אריין.

מיר דאקטוירים זעהען זעהר אפט ביי קראנקע נעבענהאדען ענטציגדונג, וועלכע פיהרט ניט צו שווינדזוכט. אויב דער קראנקע האט שוין פריהער געליטטען אויף לונגען שווינדזוכט, דאנן איז מעגליך דאס ער בעקומט יעטצט שווינדזוכט דער אייער.

מען זאגט אויך, דאס די נעבענהאדען-ענטצינדונג פיהרט

צו אונפּרוכטבאַרקייט; דאָס איז ריכטיג זאָ ווייט אַלס ביידע געבּענהאָרען וואָרען ענטצינדעט אָבער דאָס איז ניט איין „חוק ולא יעבור" ד. ה. עס זיינען בּעקאַנט פֿאַללע וואו זאָגאַר צווייזייטיגע ענטצינדונג האָט ניט געשטערט צו געבּאָרען קינדער.

ליידער איז עס נור אַקליינער פּראָצענט, דער גראָסטע טהייל פון אַזעלבע קראַנקע געבּאָרען ניט קיין קינדער, ווי מיר ווייסען שוין פון די אונטערזוכונגען פון די דאָקטורים: ליר, אשער, בּערג אונ אַנדערע.

מיר ווייסען דאָס פון 242 קראַנקע, וועלכע האָבּען געליטען אויף אַ צווייזייטיגע ענטצינדונג, זיינען נור 35 (ד. ה. כּמעט 15%) פֿאַהיג צו געבּאָרען קינדער.

אַלזאָ 85% פון קראַנקע מיט צווייזייטיגע–ענטצינדונג פון פּרידאַטאַק זיינען ניט פֿאַהיג צו געבּאָרען קינדער. וואָרום? ווייל זייער זרע ענטהאַלט ניט דען וויכטיגסטען טהייל פון זרע (די זאָ גענאַנטע ספּערמאַטאָזאָאידען). מיר האָבּען צו טהון מיט אַ קראַנקען וועלכער האָט קיין קישוי אַבער ווי געהאָריג, וועלכער וואַרפֿט אַרויס די זרע אין דער צייט; נאָך מעהר – מיט אונזער געוועהנליכען אויג געפֿינען מיר קיין אונטערשייד ניט צווישען די זרע פון אונזער קראַנקען אונ זרע פון אַ געזונדען מענשען.

אין דיעזען פֿאַלל קען אונז צייגען די ריכטיגקייט נור דער מיקראָסקאָפּ (דאָס איז ווי געזאָגט אַ פֿערגרעססער גלאָז וואָס פֿערגרעסערט יעדע זאַך בּיז 100 בּיז 200 מאָל). צום טרייסט פֿיר די טריפּפער – קראַנקע דאַרף מען זאָגען דאָס נור בּיי 5 אויף 100 טריפּפער – קראַנקע טרעפֿט עס, דאָס געבּענהאָרען – ענטצינדונג זאָלל זיין אַ צווייזייטיגע.

די קאָראָזיאָן. אום צו פערהיטען פון ענטצינדונג, זאלל דער טריפפער־קראנקע אימער טראגען אגוט צוגעפאסטען סוספענזאָריום, ווי עס וואר שוין אויבען דערמאנט. אם אנפאנג זוכען מיר בכל אמצעים צו ערוויישערן די ענטצינדונג, דער קראנקע דארף בלייבען ליעגען אין בעט, דער ענטצונדענע געבענהאָדע ווירד געהאלטען אויף אקליין קישעלע, אָדער אהאנדטוך ווירקעלט מען צונויף איינינע מאל און מען לייגט אונטער דעם כים, נאך בעססער איז דאס האנדטוך זאלל ליעגען אויף די היפטע (ביאדרא), און זא הייבט עס נאך בעססער אויף דען כים; ביי אזא לאגע, געהט דאס בלוט לייכט אפ פון דער ענטצינדעטער שטעללע. געגען די ענטצינדונג מאכט מען אויך קאלטע אומשלאגע (קאמפרעססען) וועלכע מען בייט זעהר אפט. ווען דער קראנקע פערטראגט ניט קאלטע אומשלאגע לייגט מען צו ווארמע.

היער מאכען מיר אויפמערקזאם אויף די גייעסטע בעאָבאכטונגען פון פראָפעססאר פינגער אין ווין. ער האט בעמערקט, דאס אייז אָדער אייז־אומשלאגע צולייגען צום כים ביי געבענהאָדען־ענטצינדונג איז זעהר שעדליך און געפעהרליך. ער האט בעמערקט דאס דורך אייז געהט די ענטצינדונג ווירקליך שנעלל איבער, אבער עס בלייבען געשווילאכצען אין דען ענטצונדענען טהיילען ד. ה. אין די געבענהאָדען און דיעזער זכר פון ענטצינדונג ווערלכער בלייבט אויפ'ן גאנצען לעבען אויב ער איז אין ביידע ביצים קען ער זיין זעהר אשלעכטער זכר: דער חולה בלייבט קינדערלאז (בעזדיעטני).

דער קראנקע בעקלאגט זיך אפט אויף גרויסע שמערצען אין ענטצינדעטער שטעללע, דאנן שטעללען מיר פון 3 ביז 6

פִּיַאוְוקֶעס אַרום גֶעזֶעסס (סְטָאלְצָאוֶוע קִישְׁקֶע) ; וֶוען צוזַאמֶמֶען מִיט'ן נֶעבֶּענהָאדָע פִינְדֶעט זִיךְ אויךְ אִין אַ עֶנְטצִינְדוּנְגס צוּשְׁטַאנְד דֶער זַאמֶענפַאדֶען (דֶער נַאסֶיעננִי שְׁנוּרָאק, סֶיעמֶענְנָאי קַאנַאטִיק) מֶען פִיהְלט אִין פָּאחְווינֶע אַ שְׁנוּר גְרָאב ווִי אַ גֶענְזֶען־פֶעדֶער, וֶועלְכֶער שְׁמֶערְצְט בּיי יֶעדֶעם לַייכְטֶען דְרוּק, דַאנן שְׁטֶעללֶען מִיר דִי פִּיַאוְוקֶעס אִין דִיעזֶער עֶנְטצִינְדֶעטֶער שְׁטֶעללֶע ד. ה. אִין פָּאחְווינֶע.

וֶוען דִי עֶנְטצִינְדוּנְגס עֶרשַׁיינוּנְגֶען זִינְד שוין פָּארִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען ד. ה. דִי שְׁמֶערְצֶען זִינְד שוין קְלֵיינֶער, דַאנן אִיז צַייט צוּ בַּאנדַאזשִׁירֶען דֶען קְרַאנְקֶען נֶעבֶּענהָאדֶע, אָבֶער דָאס מוּז מַאכֶען אַ דָאקְטָאר, דֶענן וֶוען דֶער בַּאנְדַאזְשׁ (פֶּערבַּאנְד) אִיז נִיט גוּט צוּגֶעלֵיינְט קֶען עֶס פִיעל שַׁאדֶען דֶעם קְרַאנְקֶען בְּרֵיינְגֶען.

אַללֶע אִינְנֶערְלִיכֶע מִיטְטֶעל, וֶועלְכֶע דֶער פַּאצִיֶענְט בֶּענוּטְצְט גֶעגֶען טְרִיפּפֶּער, זָאלל עֶר אוֹיפְהֶערֶען צוּ נֶעמֶען, אויךְ אַללֶע אַיינְשְׁפְּרִיצוּנְגֶען אִין קַאנַאל זָאלל עֶר אויפְהֶערֶען צוּ מַאכֶען, ווִי בַּאלְד עֶר הָאט נוּר בֶּעמֶערְקְט דֶען אַנפַאנְג פוּן נֶעבֶּענהָאדֶען־עֶנְטצִינְדוּנְג, אָדֶער פוּן זַאמֶען־שְׁנוּר. דִי דִיֶעט מוּז מֶען שְׁטְרֶענְג רֶעגוּלִירֶען, אויב דֶער קְרַאנְקֶע הָאט הִיטְץ בֶּעקוּמְט עֶר נוּר סוּבַארְקֶעס, בּוּלְיָאן, קְלֶעיִק, מִילְךְ, מִילְךְ מִיט טְהֵיי. וֶוען דֶער קְרַאנְקֶע הָאט נִיט קַיין הִיטְץ, דַאן בֶּעקוּמְט עֶר מַאַכְלִים, וֶועלְכֶע זַיינֶען לַייכְט צוּ פֶערדַייֶען: הוּהְן, פְלֵייש, בּוּלְיָאן, מִילְךְ, קָאמְפָּאט א. ד. ג.

עֶס אִיז זֶעהר וִויכְטִיג, דָאס דֶער פַּאצִיֶענְט זָאלל יֶעדֶען טָאג שְׁטוּלְגַאנְג הָאבֶּען, אַם בֶּעסְטֶען אִיז, מֶען זָאלל אִיהם יֶעדֶען טָאג אַ קַאנֶע (אַ קְלִיסְטִיר) מַאכֶען, אָדֶער עֶר זָאלל נֶעמֶען

לײַכטע אַבּפיהרונגס מיטטעל: ריצין־עהל, מאַגנעזיאַווע לימאָנאַדע, הונײַאַדעס.

די געבענהאַדען־ענטצינדונג ברינגט אויך דאַצו דאס אין פאַחווע פון איי זאַממעלט זיך צונויף אַ גראָסערע אָדער אַ קלײַנערע מענגע פליססיגקייט, די פליססיגקייט קען זיך רעזאָרבּירען (ד. ה. פון זיך אַליין זיך אײַנזייגען צוריק אין בלוט). אָבער עס טרעפט אויך, דאס די פליססיגקייט בלײַבּט שטעהן אין דער זעלבען מענגע אַ לאַנגערע צייט, אָדער די פליססיגקייט קומט אימער צו, דער כּיס ווערד משונה־דיג גרויס, דאַנן איז אַם בעסטען דורך אַ אָפּעראַציאָן אַרויסלאָזען די פליססיגקייט. צווײַילען שוין נאָך דער אָפּעראַציאָן זאַממעלט זיך ווידער פליססיגקייט.

אום עס צו פערהיטען, שפּריצען די ערצטע אין כּיס פליססיגקייטען וועלכע רייצען די געוועבע (אַם אָפטעסטען יאָדינע) דאַבּיי וואַקסען צוזאַממען די ווענטליך פון זאַק אונד די פליססיגקייט זאַממעלט זיך שוין מעהר ניט.

עס וואַר שוין אויבען געשפּראָכען דאסס די טריפּפּער גיפט איז לײַכט איבּערצוטראָגען אין אויג.

דאַריבּער מאַכען מיר נאָך איין מאָל אויפמערקזאַם, דאס דער קראַנקע זאָלל אַכט געבען אויף זײַנע האַנד אונד אויף זײַנע וועש. די איינע אונד די צווייטע קענען אַנשטעקען זײַנע איינענע אויגען אָדער די אויגען פון אַנדערע.

עס איז וויכטיג צו וויסען, דאס אַ טריפּפּער־קראַנקע פרוי קען אַנשטעקען די אויגען פון איהר נײַגעבאָרענעם קינד. די אויגען ווערדען אַנגעשטעקט (זאַראַזשעט) אין דער צייט ווען

דֶער קָאפּ פוּן קִינְד גֶעהט דוּרְךְ דִי שֵׁייד פוּן דֶער מוּטֶער. 11% פוּן אַללֶע בְּלִינְדֶע פֶּערזָאנֶען זַיְינֶען בְּלִינְד־קַייט אוֹיף בַּיידֶע אוֹיגֶען דִיעזֶער קְרַאנְקְהַייט.

ווִי פֶערהִיט מֶען דָאס קִינְד פוּן דֶער שְׁוֶוערֶען אוֹיגֶען־קְרַאנְקְהַייט? אִין צַייט פוּן גֶעבּוּרְט דַארְף מֶען דִי שֵׁיידֶע אִיבֶּער־שְׁפְּרִיטְצֶען מִיט אַנְטִיסֶעפְּטִישֶׁע מִיטְטֶלֶען צ״ב סוּבְּלִימַאט לֶאזוּנְג (3000 : 1) אֵיינִיגֶע מָאל.

דִי אַיינשְׁפְּרִיטְצוּנְגֶען מִיט אַנְטִיסֶעפּטִישֶׁען מִיטְטֶלֶען (אַנְטִיסֶעפְּטִיש הֵייסְט גֶעגֶען פוֹילְנִים) דִיעֶנֶען אוּם צוּ טֶאדְטֶען דִי בַּאקְטֶערִיֶען אוּנ קָאקְקֶען־דִי אוּרְזַאכֶע פוּן אַללֶע אַנשְׁטֶעקֶענְדֶע קְרַאנְקְהַייטֶען, אָבֶער דִי אַיינשְׁפְּרִיטְצוּנְגֶען אִין פָּאחְוֶע (שֵׁיידֶע) פוּן דֶער פְּרוֹי גַארַאנְטִירֶען נִיכְט פוּן זַארַאזֶע, דֶען דִי פָּאחְוֶע עֶנְטְהַאלְט זֶעהר פִיעל פַאלְדֶען, וואו דִי אַנְטִיסֶעפְּטִישֶׁע פְלִיססִיגְקַייט קוּמְט נִיט צוּ אוּנ זָא קֶענֶען פִיעל בַּאקְטֶערִיֶען דָאךְ לֶעבֶּען בְּלַייבֶּען.

אַם אַנפַאנְג פוּן קְרַאנְקְהַייט זֶעהֶען מִיר בַּיים קִינְד דָאס דִי שְׁלֵיימְהַייטֶעל וָואס בֶּעט אוּים דַאס אוֹיג אִיז רוֹיט, דַאס אוֹיג טְרֶערְט אוּנ פֶערטְרָאגְט נִיט קַיין לִיכְט; דַאס בֶּעסְטֶע מִיטֶעל אִיז דֶעם קִינְד גְלַייךְ נָאךְ דֶער גֶעבּוּרְט אַריין לָאזֶען אִין אוֹיג 1 טְרָאפֶּען פוּן 2% לְיַאפִּיס לֶאזוּנְג; פָאר־הֶער בַּאדֶעט מֶען דָאס קִינְד, מֶען ווִישְׁט אוּים דִי אוֹיגֶענלִידֶער מִיט אַ רֵיינֶע לַיְיוַואנְד טִיכֶעל אַיינגֶענֶעטְצְט אִין רֵיינֶע וַואססֶער, יֶעטְצְט אֶפפֶענְט מֶען דִי אוֹיגֶענלִידֶער אוּנ פוּן אַ גְלֶאזֶערְנֶע רוּרְקֶע לָאזְט מֶען אַ טְרָאפֶּען 2% לְיַאפִּיס אוֹיפ׳ן אוֹיג (אֵייגֶענְטְלִיךְ אוֹיף דִי רָאגָאווְקֶע אָדֶער רָאגָאווִיצֶע).

דָאס אִיז דָאס בֶּערִיהְמְטֶע פֶּערהִיטוּנְגס מִיטְטֶעל פוּן קְרֶעדֶע, אַם בֶּעסְטֶען אִיז דָאס אַ דָאקְטָאר זָאלל עֶס מַאכֶען. אִין פִיעל גֶעבוּרְטְס־הֵייזֶער'ן לָאזְט מֶען אַ טְרָאפֶּען לְיַאפִּיס אִין אויג אַללֶע קִינְדֶער צוּ פֶערהִיטֶען פוּן אויגֶען־עֶנְטְצִינְדוּנְג.

עֶס פֶערשְׁטֶעהְט זִיךְ, דָאס מֶען דַארְף אויסֶער דֶעם הַאלְטֶען זֶעהר רֵיין דִי אויגֶען פוּן קִינְד: אֵיינִיגֶע מָאל אִין טָאג דַארְף מֶען דִי אויגֶען אויסְוִוישֶׁען מִיט אַפְּטֶעצְנֶע וַואטֶע אַיינְגֶעטְצְטֶע אִין בָּאר־וַואססֶער борная кислота, kwas borny (אַמְהֵיי לֶעפֶּעלֶע בָּאר־זוֹיֶערֶע אויף אַ גְלָאז לויעֶ וַואססֶער):

וֶוען אויף אֵיין אויג פוּן קִינְד הָאט זִיךְ שׁוֹין עֶנְטְוִויקֶעלְט דִי טְרִיפֶפֶער־עֶנְטְצִינְדוּנְג, דַארְפֶען מִיר זֶעהן פֶערהִיטֶען דָאס אַנְדֶער אויג דוּרְךְ פָאלְגֶענְדֶע מִיטְטֶעל.

זֶעהר אָפְט עֶרוַוייטֶער'ן דִי מַאטֶערְיֶע פוּן קְרַאנְקֶען אויג, אויסְוִוישֶׁען דָאס קְרַאנְקֶע אויג מִיט אַפְּטֶעצְנֶע וַואטֶע, אַיינְגֶענֶעצְט אִין בָּאר־וַואססֶער כְּדֵי דִי מַאטֶערְיֶע זָאלל נִיט פֶערשְׁלֶעפְּט וֶוערֶען אִין דַאס צְווֵייטֶע גֶעזוּנְדְטֶע אויג; דָאס קִינְד זָאלל לִיעגֶען (אִיבֶּערהויפְּט בַּיי נַאכְט) אויף דִי קְרַאנְקֶע זַייט ד. ה. אויף דִי זַייט וָואס דָאס קְרַאנְקֶע אויג בֶּעפִינְדֶעט זִיךְ, כְּדֵי דִי מַאטֶערְיֶע זָאלל נִיט אַרָאפּ־רִינֶען אִינְ'ם גֶעזוּנְדְטֶע אויג; אויב מַאטֶערְיֶע אִיז דָאךְ אַרַיינ־גֶעקוּמֶען אִין גֶעזוּנְדְטֶעם אויג, דַארְף מֶען דָאס אויג אויסְוַואשֶׁען מִיט אַ אַנְטִיסֶעפְּטִישֶׁער לֶאזוּנְג, לְמָשָׁל סוּבְלִימַאט 1 : 3000 אָדֶער אַרַיינְלָאזֶען אַ טְרָאפֶּען 2% לְיַאפִּיס לֶאזוּנְג.

דִי קוּרַאצְיָאן. דִי עֶרשְׁטֶע צייט ווִישְׁט מֶען אויס פִיעל מָאל אִין טָאג דָאס קְרַאנְקֶע אויג מִיט אַפְּטֶעצְנֶע וַואטֶע אַיינ־

גענעטצט אין באר–וואסער. אויסערדעם ביים מען אפט אייז קאמפּרעססען ד. ה. קאמפּרעסען איינגענעטצטע אין אייז וואסער.

שפּעטער, ווען די אויגענלידער זיינען ווייניגער געשוואלען, אבער עס געהט מאטעריע פון אויג און די פּעראייניגטע הייטעל פון אויג איז רויט, דארף מען די שליימהייטעל פון די אויגענלידער שמירען מיט ליאפּיס לעזונג, דאס מאכט געוועהנליך א דאקטאר.

דאס וויכטיגסטע פּערהיטונגס מיטעל פיר א ערוואקסענען ווען איין אויג איז קראנק געווארען און איז ארויף לייגען א פּערבאנד אויף דאס צווייטע אויג. דעם פּערבאנד מאכט מען זא: אויף די פערמאכטע אויגענלידער פון געזונדטען אויג לייגט מען א ריינע טיכעל, דארויף ווירד געלייגט זא פיעל וואטע, דאס די פּערטיעפונג (וואו דאס אויג זיצט) זאלל אויסגעגלייכט ווערען מיט די בענאכבארטע טהיילען. אויף די וואטע לייגט מען א 4 קאנטיגע שטיקעל ליינוואנד וועלכע דעקט צו די וואטע אונ ענדיגט זיך ביי דער נאזע, די ראנדען פון שטיק ליינוואנד ווערדען בעשמירט מיט קאללאדיום, זא דאס די ראנדען שטעהען גוט צו, קלייען זיך צו צו צו דער הויט פון געזיכט, פון אויבען ווערד די גאנצע שטיק ליינוואנד ווידער בעשמירט מיט קאללאדיום, יעטצט האבען מיר א פּערבאנד, דורך וועלכען קיינע פליססיגקייט קען ניט דורכגעהן, דאמיט, זיינען מיר זיכער, דאס די מאטעריע פון קראנקעם אויג וועט ניט דורכגעהן דורכ'ן פּערבאנד אונ ניט אנשטעקען דאס געזונדטע אויג. דען פּערבאנד דארף מען וועקסלען אללע 12 אדער 24 שטונדען. לכל הפּחות צום ערשטען מאל זאלל דען פּערבאנד מאכען א דאקטאר.

דער קראנקע אויף טריפּפּער–אויגענלידער – ענטצינדונג

באַרף זיך היטען ער זאלל אַנדערע ניט אַנשטעקען מיט זיינער קראַנקהייט, ער דאַרף בלייבען אַליין אין אַ צימער. די לופט אין צימער זאלל זיין ריין ווענטילירט. די טעמפּעראַטור זאלל זיין אַ מיטעלע (ניט היים אונ ניט קאַלט). ער דאַרף האָבען פיר זיין אייגענע געברויך האַנד-טיכער טאַשען-טיכער זאַמבקעס א. ד. ג.

ווען איינער פון די הויזלייטע ווישט אויס דאס קראַנקע אויג, זאלל ער גלייך וואַשען זאָרגפאַלטיג די האַנד מיט הייסע וואַסער אונ זייף, נאכהער מיט ספּירטוס אונ קארבאל-וואַסער.

מיר האָבען ביז יעטצט בקצור געשפּראָכען איבער פערשידענע קאַמפּליקאַציאָנען פון טריפּפער, וועלכע קוממען פאָר פון אונמיטטעלבאַרע גיפט-ווירקונג שוין אַם אַנפאַנג פון קראַנקהייט, צ"ב די גיפט האַט זיך פערשלעפּט אין פענחער אָדער אין געבענהאָרע א. ד. ג.

יעטצט שטעלען מיר פאָר דעם לעזער די קראַנקהייטען וועלכע ענטוויקלען זיך פיעל שפּעטער אונ אין איברים (אָרגאַנען) וועלכע שטעהען ניט אין אונמיטטעלבאַרער פערבינדונג מיט דעם אורין-קאַנאַל צ"ב אין געלענקען (סוסטאַוועס) אָדער אים הערצען.

טריפפער געלענק—ענטצינדונג.

עס ניבט קראנקע, וועלכע פיהלען שמערצען אין איין געלענק אדער שטארקע שמערצען אין פערשיעדענע געלענקען; צווויילען ערשיינען שמערצען אויך אין דען מוסקעל'ן און אין די ביינער, זאגאר דאנן, ווען פון אורין-קאנאל געהט שוין ניט קיין מאטערע. אם אפטעסטען ליידען די קניע און די היפט-געלענק, געוועהנליך ליידעט נור איין סטאוו (געלענק) אבער עס גיבט אויך פעללע, וואו די ענטצינדונג שפאצירט פון איין געלענק אין 2-טען זא דאס פיעלע געלענקע פאר איין מאל ליידען. אפט ענטוויקעלט זיך די קראנקהייט געשווינד, די געשיכטע פאנגט זיך אן מיט שטארקע שמערצען אין געלענק; די שמערצען ווערען נאך גראסער, ווען דער קראנקע געהט אדער ווען מען ריהרט אן דאס געלענק, די קראנקע געגענד ווירד געשוואלען, ווען דער טריפפער ווירד געזונד, ווירד אויך דאס געלענק געזונד, ווען אבער דער טריפפער האט א כראנישען חאראקטער, זא פערציהט זיך אויף א לאנגע צייט אויך די געלענק-ענטצינדונג. ביי געלענק-ענטצינדונג, וועלכע קומט ארויס פון א טריפפער, האבען מיר געוועהנליך צו טהון מיט פליססיגקייט, וועלכע זאממעלט זיך אין סטאוו. אם מייסטען פערשווינדעט (זייגט זיך איין) די פליססיגקייט פון געלענק דאנן, ווען דער קראנקע ווערד געזונד פון טריפפער, אבער דען כלל גילט נור פיר דיענינע וועלכע ווארען בעפאר זיי האבען בעקומען דען טריפפער, פאלקאמם געזונד, אבער ביי סקראפולאזע ביי סובאטניקעס קען די געלענק-ענטצינדונג זיך ציהען זעהר א לאנגע צייט און קען אויך נאך זיך לאזען א פעהלער (קאלעצטווא, צום ביישפיעל א שטייוונעם סטאוו, אויף דאס גאנצע לעבען.

ווי קומט עס, דאס איין טריפפער-קראנקע לײדעט אויף געלענק-ענטצינדונג, דער צווייטע ניכט? לײדער איז ניט אונזער וויססענשאפט ביכולת צו אנטווארטען אויף דיעזע פראגע, אבער עס איז גאר קיין ספק, דאס פערשיעדענע רייצונגען פון אורין-קאנאל (שטארקע איינשפריטצונגען), פיעל שנאפס טרינקען, פער-קיהלונג העלפען צו בעקומען א געלענק-ענטצינדונג.

די קוראציאן, מיטטעל'ן, וועלכע מען בענוטצט געגען געלענק-ענטצינדונג ביי רעומאטיזם, ווי א רוססישע באד, אדער פערשיעדענע מיטטעל צו שמירען, וועלכע רייצען די הויט, זיינד היער ניכט פאססענד.

דאס קראנקע געלענק דארף בלייבען אין פאללשטענדיגער רוהע (צ"ב אויב דער קני-געלענק איז קראנק, זאלל דער קראנקע בלייבען צו בעט און דאס געלענק זאלל זיין גוט באנדאזשירט כדי זאגאר ליגענדיג אין בעט זאלל דער קראנקע ניט בעוועגען דאס ענטצונדענע געלענק א. ד. ג.)

דער קראנקע זאלל בעקומען מאכלים, וועלכע זיינען לייכט צו פערדייען; ביער, בראנפען, וויין איז פערבאטען. דער קראנקע בעקומט אויך טאגליך מעדיצין, וועלכע דער דאקטאר וועט איהם פערשרייבען; דען פערבאנד צום געלענק דארף אויך מאכען א דאקטאר. צוזאממען מיט געלענק-ענטצינדונג קומט פאר (צום גליק זעהר זעלטען) הערץ-ענטצינדונג, וועלכע קען ערשיינען אויך אהנע געלענק-ענטצינדונג. בידוע הערץ-ענטצינדונג איז אזא וויכטיגע קראנקהייט, דאסס דאס לעבען פון קראנקען איז אין געפאהר. ביי טריפפער ווארען אויך בעמערקט פלעווראַ-ענטצינדונג

ד. ה. ענטצינדונג פון לונגען-זאק און די ענטצינדונג פון מארך-היטעל (וועהר זעלטען).

איהר האט געוויס בעמערקט דאס ביי א נאזען-קאטאר מאכען זיך סטרופעס און פרישצעס אונטער די נאזע. ווי קומט עס? פון דער נאזע בשעת קאטאר רינט ארויס א פליססיגקייט, וועלכע רייצט די הויט און דאריבער ווערד זי רויט און שפעטער ענטוויקעלט זיך דאס, וואס די דאקטורים רופען עקזעמע. ביי א טריפפער-קראנקען געהט אימער מאטעריע פון קאנאל, די מאטעריע רייצט די בענאכבארטע טהיילען און ארום אפפנונג פון קאנאל אויפ'ן קאפיל פון גליעד און אויך ארום געוועסס פאנגען אן צו וואקסען פערשידענע בארדאווקעס; מען רופט עס „שפיטציגע קאנדילאמעס". זיי שטערען ביי'ן אקט (מיט א פרוי) זיי קענען אויך שטערען ביי'ן אורין-לאזען אדער ביים שטולגאנג.

די קוראציאן. מען ברענט עס צו מיט פערשיעדענע חעמישען מיטטעל'ן אדער מען שניידעט עס אב מיט א מעססער אדער מיט א שער, עס פערשטעהט זיך, דאס דיעזע אפעראציאן דארף א דאקטאר מאכען.

איינע פון די קראנקהייטען, וועלכע קוממען צוזויילען נאך א בראנישען טריפפער איז די זא גענאנטע סטריקטור פון קאנאל (סטריקטורא איז א לאטיינישעס ווארט, וועלכעס בעדייטעט פער-

שְׁמֶאלוּנְג , ענגשאפט) ; סְטְרִיקְטוּר אָדֶער פֶּערשְׁמֶאלוּנְג בֶּעדייטֶעט אַזַא צוּשְׁטַאנְד, וואו דֶער חָלָל פוּן אוּרִין—קַאנַאל אִיז נוּר אויף אַ גֶעוויסֶע צייט אָדֶער אויף אִימֶער פֶּערקְלֵיינֶערְט זָא, דָאס דֶער קְרַאנְקֶע גִיבְּט אָפּ אוּרִין מִיט גְרוֹים שְׁוֶוערֶענֶעם אוּנ אָפְט מִיט יִסוּרִים. עס קוּמְט פָאר בַּיי קִישׁוּי אֵבֶר אוּנ דָאס אִיז דִי אוּרְזַאכֶע. וָוארוּם מֶען קֶען נִיט אוּרִין לָאזֶען אִין דִי צייט פוּן עֶרֶעקְצִיָאן (קִישׁוּי אֵבֶר).

מִיר בֶּעמֶערְקֶען, דַאס פֶּערְזָאנֶען, וֶועלְכֶע הָאבֶּען אֵיין מָאל גֶעלִיטֶען אויף אַ טְרִיפֶּער בֶּעקוּמֶען שְׁוֶוערֶענֶעם בַּיי אוּרִין לָאזֶען נָאךְ אַ פֶּערקִילוּנְג, אָדֶער נָאךְ דֶעם, אַלְס זֵיי הָאבֶּען פִיעל אַלְקָאהָאל עויין, בְּרַאנְפֶען, בִּיער, אִיבֶּערהויפְּט יוּנְגֶע בִּיער ד. ה. וָואס אִיז נָאךְ נִיט גוּט אויסגֶעשְׁטַאנֶען) גֶעטְרוּנְקֶען, דֶענן דִי שְׁלֵיימְהַייטֶעל אִין אוּרִין—קַאנַאל גֶעשְׁוֶועלְט עֶטְוַואס. דַאס הַאלְט אַ קוּרְצֶע צייט אוּנ גֶעהט אִיבֶּער. זָאלְכֶע שְׁוֶועבֶענֶעם בַּיי אוּרִין לָאזֶען קוּמְט אויף פוּן נֶערְוָוען שְׁטֶערוּנְגֶען ; דִי דָאקְטוּרִים רוּפֶען עס „סְפַּאזְם פוּן אוּרִין—קַאנַאל".

קוּרַאצְיָאן. וַוארֶעמֶע קָאמְפְּרֶעססֶען אויפ'ן אוּנְטֶערְשְׁטֶען טְהֵייל פוּן בּויךְ, אויפ'ן גְלִיעד, וַוארֶעמֶע וַואנֶעס.

- דָאס אִיז אֵיינֶע גֶענוּג וִויכְטִיגֶע קְרַאנְקְהֵייט. דֶער שְׁטְרָאם פוּן אוּרִין בַּיים אוּרִין לָאזֶען וֶוערְד אִימֶער דִינֶער, עֶר בְּלַייבְּט דִין וִוי אַ פָאדִים אוּנ גֶעהט מִיט פּויזֶעס ד. ה. דֶער שְׁטְרָאם רַייסְט זִיךְ אִיבֶּער אויף אֵיינֶע אָדֶער אֵיינִיגֶע סֶעקוּנְדֶען, דַאבַּיי מוּז דֶער קְרַאנְקֶע אַרְבַּייטֶען בְּכָל מְאַמֵצֵי כּחוֹת, בִּיז עֶר גִיבְּט אָפּ אוּרִין, שְׁפֶּעטֶער גֶעהט דִי אוּרִין טְרָאפֶּענוַויז אָדֶער עס קֶען קוּמֶען דַאצוּ, דַאס דִי אוּרִין פֶּערהַאלְט זִיךְ גָאנְצְלִיךְ ; זָאלְכֶע קְרַאנְקֶע פִיהְלֶען זִיךְ נִיט אִין גַאנְצֶען בֶּעפְרִידִיגְט נָאךְ דֶעם אוּרִין לָאזֶען, זֵיי

פיהלען, דאס אין פֶענחֶער (בלאזע) איז נָאך עֶטוואס געבליבֶען, און ווירקליך איין טהייל פון אורין בלייבט אין פֶענחֶער און רינט צרוים שפֶּעטֶער אויפ'ן הֶעמד און אויף די קליידֶער פון קראנֶקען. די ערשיינונגֶען, וועלכֶע וואָרען היער בעשריעבֶען זיינֶען שוין גענוג צו בֶּעשטימֶען א פֶערשמֶאלונג אין קאנאל. אָבֶער אום צו בֶּעשטימֶען גענויער, אין וועלכֶער שטעללֶע פון קאנאל האבֶען מיר די פֶערשמֶאלונג, בענוטצֶען מיר א גוממי-קאטֶעטר אָדֶער א מֶעטאלָאָווען קאטֶעטר. קאטֶעטֶערס בענוטצט מאן פון פֶערשיעדֶענֶעם דיאמֶעטר ד. ה. דינֶערֶע און גרֶאבֶערֶע. די דינסטֶע זיינֶען דין ווי א סטרונֶע, די גרֶאבסטֶע זיינֶען גראב ווי דער קליינֶער פינגֶער פון א ערוואקסֶענֶען מֶענשֶען. אונטֶערזוכֶען דען קאנאל קען מען אויך מיט הילף פון א אינסטרומֶענט, וועלכֶער ערלויבט גענוי צו בעזיכטיגֶען דען קאנאל און דען פֶענחֶער; דען אינסטרומֶענט רופט מֶען ענדאסקאפ. אם מייסטֶען בֶעפינדֶען זיך די פֶערשמֶאלונגֶען אין הינטֶערשטֶען טהייל פון קאנאל. א מאל בעמערקען מיר אין קאנאל א וואליק, וועלכֶער פֶערשמאלט דען גאנצֶען חלל פון קאנאל. איין אנדֶער מאל ווידֶער זֶעהֶען מיר זא צו זאגֶען א פּטום (א גֶעשווֶעלונג פון גֶעוועבֶע אויף איינֶער גֶעוויסֶען שטעללֶע). אין אנדֶערֶען פאללֶען פינדֶען מיר, דאס דער קאנאל איז צונויף געצויגֶען (פֶערשמֶאלט) אין איין גֶעוויסֶער שטעללֶע פון א נארבֶע נאך א וואונד. אזעלכֶע קליינֶע וואונדֶען מאכֶען זיך אָפט ביי א שארפֶען אָדֶער א כראנישֶען טריפפֶער, די וואונדֶען פֶערהיילֶען זיך דורך נארבֶען (рубецъ, blizna) וועלכֶע זיינֶען די אונמיטטעלבארֶע אורזאכֶען פון פֶערשמֶאלונג. איינִיגֶע פינדֶען, דאס שטארקע איינשפּריטצונגֶען פיהרֶען צו א פֶערשמֶאלונג. אנדֶערֶע ווידֶער זיינֶען איבֶערצייגט, דאסס דער טריפפֶער-פראצֶעס אן זיך און פיר זיך אונאבהאנגליך פון דער קוראציאן איז דער גאנצֶער בעל חיוב פון דער סטריקטור.

אין דער טהאט פינדען מיר, דאס פערשמאלונגען ענטוויקלען זיך אם אפטעסטען ביי דעניעניגען טריפפער-קראנקען וועלכע האבען זיך אין גאנצען ניט קורירט אדער וועלכע האבען די קוראציאן אוועקגעווארפען אין מיטטען, מען האט אויך אפט בעמערקט סטריקטורען ביי דעניעניגען, וועלכע האבען זיך קורירט מיט שטארקע איננערליכע מיטטעל (באלזאם).

ביי שטארקערע פערשמאלונגען בעאבאכטען מיר נאך פאלגענדע סימפטאמען: דער קראנקע מוז זעהר אפט אורין לאזען, ווייל דער פענחער ווערד ניכט ליידיג פאר איין מאל ווי ביי א געזונדטען. עס וואר שוין אויבען בעמערקט, דאסס צוליב די פערשמאלונג מוז זיך דער קראנקע אנשטרענגען ביים אורין לאזען אונ זא קומט עס פאר, דאסס דער קראנקע קוועטשט זיך אונ ערהייכט איין אונערווארטעטען רעזולטאט: עס געהט אפ עטוואס שטולגאנג.

ביים אקט מיט א פרוי (אין דעם מאמענט ווען די זרע געהט אפ) פיהלט דער קראנקע שמערצען, דער קראנקע עמפפינדעט, ווי איין אנגעברענטע דראט וואלט דורכגעהן צווישען כים אונ געזעסס. הינטער דער פערשמאלונג ווערד דער קאנאל פערברייטעט (עס איז פערשטאנדליך דאס די אורין וועלכע טרעפט א שטערונג, דריקט אויף די ווענטליך פון קאנאל פאר דער פער-ענגטער שטעללע אונ דער קאנאל ווערד ממילא ברייטער); עס טרעפט זאגאר דאס די אורין מאכט זיך א נייען קינסטליכען וועג — עס בילדעט זיך די זא גענאנטע אורין-פיסטול, דורך וועלכע געהט אימער אורין. נאך ערגער איז עס, ווען צוליב די פער-שמאלונג, קען די אורין גאנצליך ניט ארויסגעהן, די אורין זעצט פערנאנדער דען פענחער אונ גיסט זיך אויס אין בויך, דאנן קען

דער קראנקע שטארבען פון בויך־היטעל ענטצינדונג. צום גליק טרעפט עס זעלטען, אונ די קוראציאן פון א דאקטאר קען עס פערהיטען. די קוראציאן שטרעבט דאצו דען קאנאל ווידער צו פערברייטערען. די קוראציאן קען זיין א חירורגישע. דער חירורג פערברייטערט דען קאנאל מיט א מעססער פון אינעווייניג (ער פיהרט אריין דאס מעססער אין קאנאל) אדער מאכט א אויסערליכע אפעראציאן.

די צווייטע מעטאדע בעגעהט זיך אן א מעססער אונ אן שפיכת דם. דער דאקטאר (אדער דער קראנקע זעלבסט אונטער די ליימונג פון א דאקטאר) פיהרט אריין אין קאנאל זאנדען גומענע (האלב־הארטע) אם אנפאנג זעהר דינע אונ שפעטער אימער גראבערע, דאביי איז נעטהיג גרויסע געדולד אונ פארזיכטיגקייט. דענן מען קען לייכט פערוואונדען די סלוזהייטעל, דאמיט קען מען פערארזאכען א ענטצינדונג אונ דאנן קען דער חלל פון קאנאל אין גאנצען פערמאכט ווערען. עס קען קומען דאצו ווען דער קראנקע קען ניט אורין לאזען דאס מען זאלל מוססען מיט א געוויססען אינסטרומענט (טראאקאר) דורכשטעכען דען בויך אונ דען פענחער, אום אורין ארויסצולאזען. פערבאטען איז אין דער צייט פון קוראציאן טרינקען אלקאהאל געטראנקע, אויך איז פערבאטען דער אקט מיט פרויען.

בכלל קוראציאן פון פערשמאלונג דורך אפעראציאן אדער מיט זאנדען פיהרט י פאסט אימער צום ציעל, ד. ה. נאך א לאנגפאלטיגע קוראציאן ווערד דער קראנקע געזונד.

יונגע לייט מיינען געוועהנליך, דאס דער טריפפער איז

אַ לייכטער קאַטאַר. וועלכער קורירט זיך אום אין איניגע וואָכען. אַבער דער לענער פון דיעזעם ביכליין האט געהאט גענוג געלעגענהייט זיך צו איבערצייגען, דאסס דער טריפפער געהערט צו די ערגסטע קראַנקהייטען. דאס צום טריפפער קענען נאך צושטעהן פיעל אַנדערע קראַנקהייטען ווי בלאַזע-ניערען-ענטציגדונג, געלענק-ענטציגדונג א. ד. ג.

די איינע פון די קאָמפּליקאַציאָנען פון טריפפער די נעבען-האָדען-ענטציגדונג קען פיהרען צו אונפרוכטבאַרקייט און דאס דער קראַנקע קען לייבט אנשטעקען זיינע פרוי. ביי פרויען קען אַ טריפפער פון אורין-קאַנאל זיך פערברייטער׳ן אויף די געבאר-מוטטער, אויף אַנדערע געשלעכטסאָרגאַנען, די מאַטעריע קען פערטראָגען ווערען (רינט אַראָפּ) צום געזעסס (צו דער סטאַלצאָווע קישקע), אין פערשיעדענע געשלעכטסאָרגאַנען ענטוויקלען זיך ענטציגדונגען, וועלכע פיהרען פון איינער זייטע צו יסורים און פון דער צווייטען זייטע קענען די ענטציגדונגען (איבערהויפּט אייער-שטאָק-ענטציגדונג) פיהרען דאצו, דאס די פרוי קען מעהר ניט געבערען קיין קינדער. (דאריבער זעהען מיר, דאס די פּראָסטיטוטקעס (פובליצנע פרויען) זינד קינדערלאָז).

עס וואר שוין געזאגט און איך פינדע עס פיר נעטהיג צו ווידערהאָלען דאס דריטענינע, וועלכער וואר שוין קראַנק אויף אַ טריפפער, בעפאר ער האט חתונה, זאלל ער געבען זיינע אורין איינינע מאל אונטערזוכען אַ דאָקטאר אַ ספּעציאַליסט, וואס בעשטעטיגט זיך מיט מיקראָסקאָפּישע אונטערזוכונגען, און נור דאנן ווען דער דאָקטאר האט ניט געפונען אין די אורין גאָנאָקאָקקען (זיהע אויבען) האט דער קראַנקע מאָראַלישעס רעכט חתונה צו האבען.

אַפּטעקאַרסקי מאַגאַזין

אונד

מינעראַל-וואַססער פאַבריק

פון אפטייקער י. באַראַן

ווארשא, קארמעליצקע 19

ספעציעלל ווערדען ביי אונז פערקויפט נאטירליכע ווי אויך פער-פערטיגט אללערליי קינסטליכע מינעראלוואססערן ווי:

1) ווישי	Vischy	5) ווילדונגען	Wüldungen
2) עמס	Ems	6) פאַחינגען	Fachingen
3) קאַרלסבאַד	Karlsbad	7) קיסינגען	Kisingen
4) גיסיבלער	Giesibler	אונד אַללע אַנדערע;	

אויך ספעציעלל זעלצער, סאדע אונד ביטטערוואססער.

נייעס: קוואַס פרוכטאָווע
(אָהנע סאַחאַרין)

☛ איממער פרישע וואַרע,

בילליג אונד גוט!

דער ווייַן סען-רפאל

Vin de Saint Raphael

קרעפטיגט, ערנעהרט און ערפרישט דען קערפער, הילפט צום פערדייען און איז זעהר געשמאַק.

וויכטיג פיר בלוטאַרמע און פיר קראַנקע וועלכע קומען צו זיך.

דער ווייַן „סען-רפאל" קען שטיין זעהר לאַנג און ווערט ניט קאַלי (פערדאָרבען, איספאָרצעט).

צו יעדען פלעשיל ווערד צוגעגעבען א ביכל פון ד"ר דע-באררע: „איבער דעם ווייַן סען-רפאל אלס הייל-מיטטעל וואס זעטיגט און קרעפטיגט".

דער ווייַן פערקויפט זיך אין די בעסטע ווייַנגעשעפטען אויך אין אללע אפטעצני מאגאזינען און אפטייקען.

פאַבריקאַנטען:
Compagnie du vin
de „Saint-Raphael"
Valence, Drôme,
France.

אויף יעדען פלעשל
געפינט זיך אַ שטעמפעל
פון אַקציז,
פון פאַבריקאַנט,
און די מאַרקע
פון געזעללשאַפט פון די

היט זיך פון נאכגעמאכטע געפאלשטע ווייַנען!

געזעללשאפט

„כרמל״

ווארשוי-אדעססא

אויסשליסליכער פערקויף פיר גאנץ רוססלאנד

פון נאַטירליכען

וויין און קאניאק

פון דיא יודישע קאלאניעם אין ארץ ישראל.

(1	רויט-וויין „ראשון לציון״	St. Julien.	(9	קאניאק „כרמל״ ***	Carmel
(2	„ „פתח תקוה״ „ „	Medoc I	(10	„ „	„ B. R. P.
(3	„ „ „ „ „	„ II	(11	„ רויט וויין „נעטטער״	Netter
(4	רויט-וויין זים „רחובות״	Alicante	(12	זיססער וויין „כרמיה״	Cremieux I
(5	„ווייס „לבנון״	Haut Saut. I	(13	רויט וויין זים „	„ II
(6	„ „	„ „ II	(14	זים „עזרא״	Esra
(7	ווייסער וויין „חרמון״	Sauterne I	(15	ווייסער וויין זים „עקרון״	Muscat
(8	„ „ „	„ II	(16	ווערמוטה „ראש פנה״	Wermuth

אדרעססע
נאך ווארשא.
פיר בריעף:
Т-во Кармель
Варшава.
פיר טלגראמעם:
Варшава Кармель.

אדרעססע
נאך אדעססא.
פיר בריעף: Т-во
Кармель,
Одесса.
פיר טלגראמעם:
Одесса Кармель.

אונזערע וויין און קאניאקען פערקויפען מיר נור אין פלעשער

פערזיגעלט מיט אונזער שטעמפעל אונד פערקויפט מיט דער

פלאמבע „כרמל״

צו בעקומען אין אללע וויינהאנדלונגען.